STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06434

GEKLIBENE LIDER

Jacob Gottlieb

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב גלאטשטיין

געקליבענע לידער

יעקב גאָטליב

געקליבענע לידער

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון אַ גרופע פריינט
מאָנטרעאַל — 1959

SFLECTED POEMS

By JACOB GOTLIB

1 9 5 9

•

Printed by
OLD ROSE PRINTING CO., INC.
366 Mayor Street
Montreal, Canada

יעקב גאָטליב און זיין פרוי פנינה — 1938

מײַן ברודער, דער דיכטער און קריטיקער יעקב גאָטליב

דאָס בוך „געקליבענע לידער" פון מײַן ייִנגערן, פרי פאַרשטאָרבענעם ברודער, דעם טאַלאַנטפולן דיכטער און קריטיקער יעקב גאָטליב, האָט געזאָלט דערשײַנען מיט אַ פאָרוואָרט פון ה. לייוויק. לייוויק האָט דעם ברודער מײַנעם שטאַרק ליב געהאַט. ניט איין מאָל האָט ער מיר וועגן אים געשריבן, און ניט איין מאָל האָט ער מיט מיר וועגן אים געשמועסט. ליגט לייוויק, צו אונדזער אַלעמענס ווייטיק, אַ שווער־קראַנקער. נעם איך אויף זיך דעם אויפֿגאַב אָנצושרײַבן די ווייטערדיקע שורות.

קורץ איז געווען דאָס לעבן פון מײַן ייִנגערן ברודער יעקב גאָטליב. ער איז געבוירן געוואָרן אין קאָוונע, ליטע, אין האַרבסט 1911 און מיט קאַרגע פיר און דרײַסיק יאָר שפּעטער, דעם 27־טן מאַי 1945, איז ער געשטאָרבן פון טיפוס אין דער ווײַטער שטאָט מאַרי, סאָוועטישע טורקמעניע. אָבער דורך זײַן קורצן, ניט גרינגן לעבן האָט יעקב גאָטליב באַוויזן פיל אויפֿצוטאָן. צו פערצן יאָר דרוקט ער אין קאָוונער טאָגצײַטונג „די ייִדישע שטימע" זײַן ערשטע ליד, און פון דאַן אָן באַטייליקט ער זיך, אין ייִדיש און העברעאיש, מיט לידער און עסייען, אין אַ סך אַנדערע צײַטונגען און זשורנאַלן: „פאָלקסבלאַט", „מיר אַליין", „גלים", „דפים", „די צײַט", „דאָס וואָרט" א. א. (קאָוונע), „ליטעראַרישע בלעטער" (וואַרשע), „צוקונפט", „זאַמלביכער" א. א. (ניו יאָרק). צוזאַמען מיט קאָלעגן רעדאַגירט ער אויך אין קאָוונע פאָלגנדיקע ליטעראַרישע זאַמלונגען: „שלייאַכן", „טויערן", „בלעטער", „רינגען" א. א. ער גיט אויך אַרויס פיר לידערביכער און אַ בוך קריטיק וועגן לייוויקן. ער האָט אויך געהאַט גרייט צום דרוק אַ בוך וועגן אַפּאַטאַשון (ליידער איז דער כּתבֿ־יד, בעתן צווייטן וועלטקריג, פאַרלאָרן געגאַנגען). דערצו איז יעקב גאָטליב, אין קאָוונע און איבער גאַנץ ליטע געווען אָנגעזען ווי אַן אויסגעצייכנטער לעקטאָר איבער ליטעראַרישע און אַנדערע ענינים.

כדי בולטער ארויסצובריינגען די פערזאן און דעם דיכטער יעקב גאָט־ליב, וואָלט מען דאָ געדאַרפט דערציילן פון אונדזער היים. אונדזער פאָטער, ר' הערשעלע, האָט אָפּגעשטאַמט פונעם סאַנדזשער. און געווען איז דער פאָ־טער אונדזערער א רב און אַ ראש ישיבה, אַ מקובל און איינער פון די אָנ־געזעענסטע מקורבים פונעם קוידענאָווער. און די שטוב אונדזערע איז געווען איינגעטונקט אין תורה און תפילה (און אין שפּעטערע יאָרן, צווישן די ייִנגערע קינדער — אין ציוניזם און וועלטלאַכער ייִדישקייט). וואָלט עס גענויער צו דערציילן פאַרנומען צופּיל אָרט. ווייל איך דאָ ברענגען בלויז שורות פון אייניקע באַגלויבטע פּערזאָנען, וואָס האָבן געקענט אונדזער היים און געשריבן וועגן איר אָדער עפּנטלעך, אָדער אין בריוו צו מיר. שרייבט וועגן אונדזער שטוב אין „קענעדער אָדלער" (25טן מערץ, 1951) י. ראַבינאָ:

... „פון דער גאַנצער גאָטליב־משפחה איז נ. י. גאָטליב דער איינציקער לעבנגעבליבענער. געשטאָרבן איז אויך זיין ייִנגערער ברודער יעקב, וואָס איז געווען באַרימט ווייט אויסער די גרענעצן פון ליטע. צו אַזאַ פּאָפּולאַרי־טעט ווי עס האָט דערגרייכט יעקב גאָטליב, האָט קיין שום דיכטער אין ליטע ניט דערגרייכט. די גאַנצע משפחה גאָטליב האָט געהאַט אין זיך אייגנ־אַרטיקעס. יעדערער פון די גאָטליבס איז געווען אַ טרעגער פון מידות און אידייען, און די היים זייערע איז געווען פול מיט קדושה. מען האָט דאָרט געשפּירט חסידישן גייסט און ייִדישן ווייטיק, גלותדיקן צער און ברענענ־דיקע אמונה".

שרייבט צו מיר אין אַ בריוו פון 21־טן פעברואַר, 1946, דער פאַר־שטאָרבענער יוסף אָפּאַטאָשו:

... „יאָ, ליבער גאָטליב, כ'האָב געקענט אייער היים, כ'האָב געקענט אייער מוטער, אייער שוועסטער און שוואָגער. אייער מוטער שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן. איצט, ביים שרייבן צו אייך, פאַרמאַך איך די אויגן און כ'זע אייער מוטער, כ'הער איר קול. כ'האָב אַ סך מיט איר גערעדט אין 1938. כ'האָב איבערגעקוקט ביי אייך די שאַנק ספרימלעך און געשמועסט מיט אייער מוטער".

„ווען אייער ברודער יעקב טראַכט איך איצט. ער איז ניט נאָר אַ גוטער דיכטער געווען, נאָר אויך אַ גוטער קריטיקער, נאָר אַ גוטער. איך האָב אים ליב געהאַט, מיט אַן אמת ליב געהאַט. זיינע לידער און קריטישע אַרבעטן דאַרף מען אַרויסגעבן".

און אַט זענען אַ פּאָר אויסצוגן, אַרויסגענומען פון אַ לאַנגן בריוו צו מיר, געשריבן פון מיין ברודערס פרוי, פּנינה, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון חורבן און געפינט זיך אין ישראל. דער בריוו דערציילט פיל פון אונ־דזער אייגנאַרטיקער היים און באַזונדערס — פון די לעצטע אימהדיקע יאָרן פון יעקב גלאַטשטיינס קורצן לעבן:

. . . „נאָכן אַנפּאַל פון די נאַציס אויף סאָוועט רוסלאַנד האָבן אַ סך יונגע יידישע פּליטים פון ליטע און פּוילן, הערנדיק, אַז קיין אַשכאַבאַד האָט זיך געראַטעוועט יעקב גלאַטשטיין און ער פּירט דאָרטן אַן מיט דער ניט לעגאַלער ציוניסטישער באַוועגונג, — גענומען צו אונז שטראָמען. מען האָט זיך געוואָלט אַריבערכאַפּן איבער די נאָענטע גרענעץ־בערג קיין איראַן. האָבן זיך געציילטע אַריבערגעכאַפּט. אָבער דער גרעסטער טייל פּוילט אין סאָוועטישע טורמעס. און יעקבן איז באַשערט געווען צו שטאַרבן אויף דער סאָוועטישער ערד. ער פלעגט אַלץ זאָגן: איידער צו בלייבן אויף דער ערד פון דער גרויסער טורמע סאָוועטנפאַרבאַנד, בעסער צו פוילן אין איר ערד, און איבער מיר זאָל וואַקסן כלאָפּאָק, און וועלכן עם וועלן פּלאָ־טערן די שיינע זינגענדיקע פייגל פון טורקמעניע. דאָס וועט זיין מיין מצבה".

. . . „די לעצטע עטלעכע יאָר פון זיין לעבן האָט יעקב געשריבן בלויז לייכטע לידער, אין ציוניסטישן גייסט, אויף העברעאיש, פּאָר חברים חלוצים, וואָס האָבן די לידער מיטגענומען אויף די סאָוועטישע פראָנטן און געזונגען זיי, מיט טרערן אין די אויגן, מיט רוסישע מעלאָדיעס. יעקב פלעגט שטענ־דיק זאָגן: „זאָל בעסער אָפּדאַרן מיין האַנט איידער איך זאָל שרייבן פאַרן „פּאַטערל פון די פעלקער". וואָס איך טאָר שרייבן, וויל איך ניט, און וואָס מיר ווילט זיך שרייבן, איז מיר ניט דערלויבט".

ברענג איך דא לסוף א לענגערן טייל פון מיין ארטיקל־נעקראלאג נאך מיין ברודער יעקב, וואס איז, דעם 8־טן אקטאבער, 1945, געווען גע־דרוקט אין „קענעדער אדלער":

. . . „אין משך פון צווייטן יארצענדליק פון ליטעס זעלבסטשטענ־דיקייט (1930־1940) איז יעקב גאטליב געווען דער באדייטנדיקסטער יידי־שער דיכטער אין ליטע. ער איז עס געווען הן אין כמות, הן אין אכות. אין כמות: ער האט דורך א־די יארן באוויזן ארויסצוגעבן פיר ביכער פאעזיע און א בוך קריטיק. אין אכות: ער איז געווען דער רייפסטער און טאלאנ־טירטסטער צווישן אלע אנדערע דעמלטיקע יידישע דיכטער אין ליטע.

אנגעהייבן שרייבן, ווי אויך דרוקן זיך, האט יעקב גאטליב זייער פרי. צוערשט דרוקט ער זיך אין קאוונער יידישע טאג־צייטונגען און אין זאמל־בוך „מיר אליין", וואס די יידישע שרייבער אין ליטע האבן ארויסגעגעבן. נאכדעם, אין יאר 1931, דערשיינט זיין ערשטע לידער־זאמלונג — „גאלד און בלוט". די דאזיקע זאמלונג טראגט שוין אויף זיך דעם חותם פון היפ־שער פאעטישער רייפקייט. די לידער זענען דא ריטמישע, זינגענדיקע, פול מיט חלום, בענקעניש, טרויער. זייערע עיקר־מאטיוון זענען: ליטע־לאנד־שאפט, ליבע, גאט־און וועלט־געפיל. באלד אין די ערשטע לידער טוט זיך דא יעקב גאטליב א ווענד צו זיין ליטווישן, גרויען, אומעטיקן געבורט־לאנד:

דיין פרילינג רופט צו מיר ניט מיט זיין יונגן גרין,
דיין זומער גייט פאר מיר פארביי און שטארבט ווו איינאליין;
דיין הארבסט נאר ליטע־לאנד, וואכט טיף און אפן אין מיין בלוט,
דיין הארבסט נאר ליטע־לאנד, פארנעמט דעם שפראץ פון
מיין געוויין.

דער יונגער, צארטער דיכטער נעמט אויף דעם ליטווישן הארבסט דינער, ציטערדיקער ווי דעם ליטווישן פרילינג און זומער. דערביי פארנעמט ער אפט — פון ליטעס הארבסטיקע פעלדער, וועלדער, שליאכן, — א „שטיל געוויין", און ער דערהערט אים ניט בלויז אין ליטווישן הארבסט, נאר אויך אין ליטווישן ווינטער:

און גוט איז איצט אזוי לעם דערפל בלאנדזשען
אויף פעלדער שנייאיקע — אליין, אליין
און פילן ווי דאס הארץ ווערט שטיל פארפולט שוין
מיט אומעטיק, מיט שטיל געוויין.

חוצן „שטילן געוויין״ אין דער ליטווישער, היפש טרויעריקער לאנדשאפט, דערהערט שוין דאן דער יונגער דיכטער די „שטילע געוויינען״ פון די ארעמע און ליידנדיקע אין דער ליטע:

און ס'בייגן הייזלעך פויערשע די קעפ צום וועג אין אומעט:
די נויט קלאפט אן מיט פינגער ביינערדיק אין שטילער שויב.

און ער דערזעט אויך די גארע וועלט „אין ליכט פון גאלד און בלוט״:

דער זויפט זיין לוסט פון פולן בעכער,
בארוישט פון ווילדער רייכקייט־פראכט;
און דער, אין גרויען קלייד צעלעכערט,
שטארט אין גאס פארדעקט מיט נאכט.

אין 1933 דערשיינט יעקב גאטליבס צווייט בוך פאעזיע — די לירישע פאעמע „קולות פון דער ווייט״. די דאזיקע פאעמע איז א פיל העכערע מדרגה אין דיכטערס שעפערישן וואקסן. די פאעמע איז א קוואליקער הימען צו דער נאטור, נאך וועלכער דער יונגער פארבענקטער דיכטער גארט מיט א גרויס גארעניש און מיט וועלכער ער קומט, צום ערשטן מאל אין זיין יונגן לעבן, אין א לענגערן, ענגן קאנטאקט. דער דיכטער געפינט זיך אין זומערדיקן וואלד. און שארף, און טיף דערשפירט ער דעם ריח פון א־דעם וואלד און פון זיין גרינעם ווארצלדיקן גרונט:

וואלד מיינער, וואלד מיינער.
וואלד אין מיין לעבן, טיף גרינער וואלד אין מיין לעבן.
איך לויף צו דיר מיט מיין לעצטן אטעם
און מיין טראט קושט אין הייליקייט דיין גראזיקן זוים.

יארנלאנג האט דער דיכטער געחלומט פון וואלד. עס האט געגליט אין אים די שארפע גארעניש פונעם גלות־ייד נאך נאטור און נאטירלאך לעבן. און אט געפינט ער זיך אין וואלד און זיין זעל ברויזט דא אויף מיט געזאנג, מיט וויזיע, מיט טרוים. און ער דערהערט דא, און גיט פאעטיש איבער, די שפראך:

פון וואסערן אין הארבסטיקע פארנאכטן,
פון קארנפעלדער אין זומער־אינדערפריען,
פון איינזאמקייט צווישן ביימער־רייען,
פון שטערן בלאנדזשענדיקע אויף ווייטע הימלען.

און גאָט ווערט אים אין וואַלד. און גאָט איז אים דאָ אין פאַרשיידענע מאָמענטן: זוניקע, וואָלקנדיקע, שטילע, שטורמישע. און ער שילדערט דעם וואַלד אין אַלע זיינע התגלותן.

אָבער ניט בלויז אַ שיר השירים צו דער נאַטור איז יעקב גאָטליבס לירישע פּאָעמע „קולות פון דער ווייט". זי איז פיל מער. דאָ אין וואַלד, אין דערהויבנדיקער יחידות, מאַכט דער דיכטער — מיט זיך און מיט וועלט, מיט יידיש פאָלק און מיט די אומות העולם, — אַ חשבון הנפש. דאָ אין וואַלד, אין די וואונדערלאַכע וואַלד־שעהן, רופט ער צונויף אַלע זיינע נאָענטע און טייערע. און ער פירט מיט זיי אַ זעל־צו־זעל־שמועס. און ער איז זיך פאַר זיי מתודה.

ער דערזעט דאָ דעם בעש"ט, מיט וועמען ער פילט זיך „קרובים אין בלוט". און פונקט ווי דער בעש"ט, קומט ער אין וואַלד „נאָך באַשייד, נאָך הייליקן פונק פון זין". און ער טרעפט זיך דאָ מיטן טאַטן זיינעם, וועמענס לעבן איז געוועזן גאַנץ, וועמענס דור איז געוועזן גאַנץ. און גאַנץ איז דאַן געוועזן די היים דעם דיכטערס. און געהערשט האָט דאַן אין אַ־דער היים קדושה, יום טוב. און איצט איז דער טאַטע ניטאָ, און די היים איז — „אַ שערבל אין זאַמד". און דער דיכטער איז — „דער שומר פון דער טרויעריקער היים און מאָמעס טרערן". און ער זוכט אין זיין לעבן „באַשייד און פרייד און זין". און ער קען זיי ניט געפינען. ווייל ער לעבט אין אַן אימהדיקער צייט. און ער פילט דעם גאַרן גרויל פון אַ־דער צייט. און באַזונדערס שפירט ער די פיין פון זיין מאַרטירערישער אומה:

און דורך ביימער־רייען, ווי דורך אָפענע
שפּיגלען, דערזע איך מיטאַמאָל,
פייערדיק, רויכערנדיק און ברענענדיק,
ווי אָפענע מיילער פון רעוועודיקע ווולקאַנען,
די פלאַקערנדיקע שרפות פון אונדזערע אַלע היימען אויף גאָר
דער ערד.

און יאָרנלאַנג פאַרן צווייטן וועלטקריג, און פאַר דער יידישער אומגעהויערער טראַגעדיע, דערהערט דער דיכטער דעם:

געשריי פון פאָלק אין זיין אומקום
אין בלוטיקן, אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט,
וואָס שפּאַנט ווי דער מיטלאַלטער, פינצטער און גרויס
איבער אַלע גרענעצן פון אונדזער ערד.

אין 1936 דערשיינט יעקב גאָטליבס דריט בוך פּאָעזיע — „אַ ווערבע ביים טייך". די לידער זענען דאָ, מיט מער רייפקייט, אַ המשך פון די פריערדיקע לידער:

ניט זילבערנער צווײַט פון פרילינג
אויף אונדזער וועג זיך שפּרייט, —
האַרבסט האָט די גילדערנע פענער
אין אָוונט־ווינט צעווייט.

דער דיכטער שאַפט דאָ שיינע, טיף דורכגעלעבטע נאַטור־עלעגיעס, פון וועלכע עס ליכטיקט אַרויס די אומעטיקע ליטע־לאַנדשאַפט און אין וועלכע עס שפּיגלען זיך די עלנטע ליטע־שטעטלאַך:

ווי אין אַן אַלטן פּנקס, פאַרגעסן און פאַרגעלט,
קוק איך אַריין אין דיינע געסעלעך,
יידיש שטעטל אין דער ליטע.

דער דיכטער זינגט דאָ באַניים פון זיין טאַטנס „אַלט געוויין". ער פילט דאָ באַניים דעם אָנקום פון דער יידישער מאָוימדיקער קאַטאַסטראָפע:

איך גיי דורכן פרילינג מיט פאַרלאָשענע טריט.
מיין טרויער, ווי דער ים, גייט מיט מיר מיט.

און שטאַרקער, מאַכטיקער ווידערהאַלט זיך אין אַ־דעם בוך דעם דיכטערס בונטאַרישקייט און רוף צו גאולה:

ערגעץ וואַרטן טריט אין שטומען הונגער
אויפן אָנקום פון דיינע אויסלייזנדיקע הענט.

אין 1938 דערשיינט יעקב גאָטליבס פערט בוך פּאָעזיע — „סאָנעטן". אַלע לידער זענען דאָ שטרענג געמאָסטענע. די טעמאַטיק זייערע — אַ פאַרשיידנאַרטיקע. דער עיקר — אַ המשך פון אַלע פריערדיקע מאָטיוון:

איר קלאַפּט אין אַלע טירן פון דער וועלט,
אַ, גייער אָרעמע, מיט טרערן רייך,
צי וועט אַ בליק זיך צונויגן צו אייך,
מיט שיין פון גנאָד און רחמים אויפגעהעלט?

און אַ צווייטער באַקאַנטער מאָטיוו — דער טאַטע־מאָטיוו:

פון אַלע טויערן קומסטו מיר אַנקעגן,
אַוווּ איך טו זיך נאָר מיט בליק אַ ווענד;
דיין שאָטן, שאַרף און שמאָל, גיט מיר אַ בלענד,
ווי ווערבע בוים פאַרבראָכן אויף די וועגן.

און אָט האָבן מיר דאָס גרויע אָרעמע ליטע־שטעטל:

אַ, שטעטלעך יידישע אין שטילקייט־קומער,
זיך שפּיגלענדיק אין טרויעריקן פליין . . .

און ווידער גארט דער דיכטער, דער אנגעטרונקענער מיט הארבן פאַטעטישן וויין, נאָך יענע ברידער, וואָס קלינגען אין דער נאַכט מיט „שווערדן־לידער". ער רייסט זיך אַפּט צו דער „מאַרטער־באַנק". ער וויל אַפּט „פאַרעשאַפאַטן, ווי פאַר אַלטאַרן קניען". און אין אַ צאָל סאָנעטן באַזינגט ער דאָ פלאַמיק יענע גאולה־טרוימער, וואָס האָבן געווייטיקט מיט די יידישע פּיינען, וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאַר זייערע אויסלייזונג־אידעאַלן, וואָס האָבן גענומען נקמה פאַרן יידישן בראָך, פאַר יידישע אומשולדיקע קרבנות (ברענער, שוואַרצבאַרד, פראַנקפורטער א. א.). און דער עיקר גליט דאָ דער דיכטער מיטן טראַגיזם פון אונזער הייַנטיקן יידישן דור:

איך הער אַ יאָמער־קול פאַרשטיקט, פאַרשמאַכט;
דורך שטורעמס און דורך שאָטנס און דורך נאַכט
עס לויפן נאָך מיר גאַסן מיט געוויין.

אין 1940, אין זאַמלבוך „רינגען", דרוקט אַפּ יעקב גאָטליב אַ ריי נייע לידער און פּאָעמעס. אין אַ־די פרישסטע שאַפונגען זיינע זעען מיר אים אַ מער נאָך אויסגערייפטן. שטאַרק איז דאָ די לידער־סעריע „אין ירושלים פון דער ליטע". שטאַרק זענען דאָ די לענגערע לידער און באַלאַדעס: „צו אַ ייד אויף דער גאַס", „דיאַלאָג אין דאָרף" א. א. און באַזונדערס איז דאָ געראָטן די לענגערע, ברייט שורותדיקע פּאָעמע „צום גאָלדענעם טויער". די דאָזיקע פּאָעמע איז אין זיך כולל יעקב גאָטליבס גאַרע פּאָעטישע פילקאָליריקייט. דער דיכטער זינגט דאָ אַ פרישן הימען צו דער נאַטור:

„אין אָט דער שטילער אוונט־שעה, אין אָט דעם האַרבסט בין איך אַליין, אַ גראָז צווישן גראָזן אין דער אַלטער ווילדער געגנט. כ'בין פאַרפלאַכטן אינעם מאָך, ארומגענומען מיטן אַלטן שטיין. כ'שפּיר דאָס גליענדיקע מערב־ליכט, דעם אָטעם־הויך פון גאָט" . . . דער דיכטער באַהעפט זיך דאָ מיטן אוניווערז. ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך „די לאַסט פון קברים, צער און נויט". ער ווערט דאָ פול מיט לייטערונג און ער בענטשט — „דעם נס פון וואַלד און זון, און מענטש".

נ. י. גאָטליב

מאָנטרעאָל, מאַי, 1959.

אַ ווערבּע ביים טייך

אייביק

אייביק איז דער האַרבסט אויף די וואַסערן פאַרנאַכט:
וואונדערלעך און טרויעריק און ווייט און אויסגעטראַכט.

אייביק איז דער בלעטער-וועלק פון אַלע ביימער אין דער וועלט,
וואָס גליען פון אַ זיבן-זונען-אונטערגאַנג אַדורכגעהעלט.

אייביק איז די פלאָם פון דער זון ביי איר פאַרגיין,
ווען איר גילדערנער ווידערגעבורט איז שטאַרק און שיין.

אייביק איז דיין רו, ווען די נאַכט איז פאַרקלערט
און קילט מיט אירע פינגער די מידע אויגן פון דער פייכטער ערד.

אייביק איז די שעה, ווען אין דיין אויפגערודערטן געמיט
רוישט אויף אַ טיפע פרייד, ווי צאַרטע רעגן-טריט...

אייביק איז דער קלאַנג פון דיין פאַרווירטן געוויין,
ווען אויף דער גאַנצער גרויסער ערד ביסטו אַליין.

אייביק איז דער אומרו פון דיין בלוט, וואָס קלאָגט
און האָט אַ מדבר-דורשט אין דיין גוף פאַריאָגט.

אייביק איז דיין בענקשאַפט צום וואַסער און צום פעלד,
צו דיין גרינער היים, וואו שטערן טריפן אויף דער פרומער ערד.

אייביק איז דער טרויער פון דיינע איינזאַמע פיר ווענט,
ווען דו דערקענסט ניט אין די נעכט די פאַרב פון דיינע הענט...

...און אייביק איז דער האַרבסט אויף די וואַסערן פאַרנאַכט:
וואונדערלעך און טרויעריק און ווייט און אויסגעטראַכט.

סעפּטעמבער אין ווינט

— ווער וויינט עס, מיין קינד, אין דער טויטער שטאָט,
ווען סעפּטעמבער־נאַכט האָט מיין פענצטער פאַרלאָשן
און פאַרמאַכט זיינען אַלע וועגן צו גאָט,
און אַלע טויערן פון געבעט — פאַרשלאָסן?

איז עס דער הימלאָזער, וואָס שלעפּט זיין גוף,
ווי אַ זאַק איבער די גאַסן־שטיינער
און רייסט זיינע הענט צו די הימלען אַרויף,
נאָר הערן — הערט אים ניט קיינער?

איז עס די מיידל־געשטאַלט אויפן ראָג,
פאַרהילטע אין צער, אין מאַטן און לינדן,
וואָס בייגט אירע הענט צום פאַרגאַנגענעם טאָג
און וויקלט איר ליב אין ביינאַכטיקע ווינטן?...

איז עס דאָס צאַרטינקע אָרעמע קינד,
וואָס האָט זיינע הענט אין געבעט געבראָכן
און לייגט זיין געוויין אויף די פליגל פון ווינט —
ס'האָט הונגער זיין לייב, ווי אַ דאָרן פאַרשטאָכן?...

און אפשר איז עס, מיין קינד, דער סעפּטעמבער אַליין,
וואָס האָט שוין זיין גילדערנע קלייד אָנגעוואָרן
און שיקט צו מיין פענצטער זיין שטילן געוויין
אין דער נאַכט אין דער בלינדער אויף אייביק פאַרלאָרן?...

זיין לויטערע ליכט פון די סופּזומער־טעג
האָט דער וואַלד דער טיפער שוין אויסגעטרונקען
און גילדערנער בלעטעל־פאַל — זיין לעצטער פאַרמעג —
איז אין דער האַרבסטיקער ערד פאַרזונקען.

און דער שטילער אָוונט — זיין בלייכער טרוים —
האָט אים אויך מיט אומעטיקע אויגן פאַרלאָזן . . .
איז איצט דער סעפּטעמבער — אַן איינזאַמער בוים,
וואָס ס׳וויאַנען אַרום אים די פּורפּורנע גראָזן . . .

ס׳האָט דאָך דער היימלאָזער, די פרוי און דאָס קינד
דעם שיין פון די הויכע און ליכטיקע שטערן,
דעם שטיין און דעם ראָג און די האַנט פונם ווינט,
וואָס קענען פאַרוויגן, וואָס קענען דערהערן . . .

סעפּטעמבער, מיין קינד, סעפּטעמבער אין ווינט! —
זיין ווייַ איז דאָך גרעסער פון די האַרבסטיקע שטערן
און שאַרפער פון געוויין פון דער פרוי און פון קינד,
און טיפער פון זיינע אייגענע טרערן . . .

אַ בריוו

ווייל ס׳איז היינט געווען אַ סך זון אין דער וועלט,
האָב איך אַ טאָג אַ גאַנצן דיך ארומגעזוכט אין שטאָט
און ליב איז מיר געווען דער אָטעם פונם פרילינג-פעלד,
און לאַשטשענדיק — די אויפגעוואַכטע ערד צום וואַכן טראָט . . .

נאָר ס׳האָט מיין פרייד זיך אָנגעשלאָגן אָנם טרויער-ברעג,
ווי ס׳שלאָגט דער פרייער ים זיך אָן אָן הויכע פעלזן-ווענט,
ווען דו ביסט היינט פאַרביי מיין שטילן פריידן-וועג
און האָסט דיין ליב געשטאַלט דאַן פון מיין פנים אָפּגעווענדט.

און איצט-אָ, ווען די זון איז שוין פונלאַנג נישטאָ
און איך בין, ווי די ערד, פאַרלאָזן און אַליין,
צערינט פון מיינע אויגן דער חלום פון יענער שעה,
ווען כ׳האָב מיין פרייד געטראָגן אין די גאַסן מיט די ציין . . .

פאַרבלענדט פון טיפער איינזאַמקייט, געלאָפן כ׳בין צו דיר
מיין גאַנצן לעבן אויסצושפּרייטן פאַר דיינע פיס . . .
ווען ס׳האָט דער אומרו פון מיין בלוט געוועקט זיך טיף אין מיר,
איז דער אָטעם פון דיין רו געווען דאַן זיס.

איז גוט געווען אַראָפּוואַרפן, פאַרנאַכט אזוי, פון זיך
מיין טאָג מיין גאַנצן, ווי אַ וואַנדערער זיין קלייד,
אַנידערקניען פאַרן זוים פון דיינע קליינע, צאַרטע שיך
און נידערן מיט דיר צום קוואַל פון שטילער פרייד.

און אין דער שעה פון פיינלעכער פאַרגעסנקייט
פאַרזינקען, ווי אַ שטיין אַ שווערער, אין אַ טייך . . .
שפּירן, ווי די וועלט ציט דורך מיין וועזן ברייט און ווייט
און מיין בלוט צעצווייגט זיך, ווי אַ בוים, מיט בלעטער רייך.

נאָר עס האָט, ווייזט אויס, דער גורל אויסגעלוגט נאָך אונדזער וועג,
ווי דער וואָלקן פון געוויין וואָלט פון דער יוגנט אונדז באַגלייט,
ביז ס׳האָט די טרויער-כוואַליע דיך פאַרטריבן פון מיין ברעג
און פאַראייניקטע — אונדז דאָך אויף אייביק שוין צעשיידט . . .

און איצט בין איך אַ זעגל אינם פלאַטערדיקן ווינט,
הפקר איז מיין מאָרגן-טאָג און ווינטיש איז מיין היינט:
און ווידער רופט די אָוונט-שעה — מיין גאָלד-געלאָקטער קינד,
און ווידער רופט די איינזאַמקייט — מיין גרויער פריינט . . .

הינטער די פענצטער

הינטער די פענצטער שטייט דער האַרבסט
און וואַרט אויף דיינע טריט, מיין קינד.
די שטערן פאַרלאָשן, דער הימל איז בלינד.
דאָס ליכטיקע אויג פון דער וועלט — זי צערינט.
הינטער די פענצטער שטייט דער האַרבסט.

הינטער די פענצטער שטייט די נאַכט
און היט פון שטרויכל דיינע טריט.
די סאָווע אויפן בוים קלאָגט איר ליד
און דער רעגן וואָס הינקט אַלט און מיד.
הינטער די פענצטער שטייט די נאַכט.

הינטער די פענצטער יאָמערט דער ווינט
און בייגט די ביימער-קרוינען צו דער ערד.
די ווערבע ביים וואַסער שטייט פאַרטרערט.
נאַכט האָט דאָס גאָלד פון איר חלום פאַרצערט.
הינטער די פענצטער יאָמערט דער ווינט.

שענק מיר

שענק מיר דעם שטורעם פאַר מיין געמיט,
דעם פרילינג-רויש פאַר מיינע טריט . . .

דעם אויפדערנאַכט, וואָס איז וואונדערלעך-לינד,
ווען פייגל שרייען אין גרויען ווינט . . .

די ווייטע פריידן — פונלאַנג שוין פאַרלענדט,
וואָס בלענדן זוניק אויף מאַטע הענט . . .

די שעה, וואָס צינדט מיין בלוט אין טיפן רויט
און בענטשט דאָס לעבן ווי דעם טויט.

דעם ווייסן שטערן, אין נעפּל וואָס העלט,
דעם וואַנדער-וואונדער פון דער וועלט . . .

. . . שענק מיר דעם שטורעם פאַר מיין געמיט,
דעם פרילינג-רויש פאַר מיינע טריט.

מיט אַלטע טריט

דער זייגער גייט מיט אַלטע טריט
און, ווי אַ וואַסער, רינט זיין ליד.

און, ווי א וואַסער, פליסט אַוועק
די פרייד צום ווייטן טרויער-ברעג.

דער פרילינג שמעקט מיט חלום-צוויט,
נאָר אין מיין האַרץ אַ בענקשאַפט גליט.

נאָר אין מיין האַרץ — אַ טונקל ליכט
פון אַ פאַרשוואונדן העל געזיכט.

אַט האָט דיין בליק געפלאַטערט מיד
אויף פנים מיינס — אַ פייגל-ליד.

אויף פנים מיינס האָט דאַן געשטראַלט
די זון פון וועלט — פון דיין געשטאַלט.

און אַט איז אַלץ פאַרביי. אין מיר —
אַן אָפּשיין בלויז אַ ווייטס פון דיר.

אַן אָפּשיין בלויז. און ווי דער ווינט,
פאַרגייט דער טאָג פון פרייד, פאַרשווינדט;

פאַרגייט דער טאָג. און, ווי אַ וואַלד,
עטעמט נאַכט, געהיים און קאַלט.

דער פרילינג שמעקט מיט חלום-צוויט.
דער זייגער גייט מיט אַלטע טריט.

ניט זילבערנער צווייט

ניט זילבערנער צווייט פון פרילינג
אויף אונדזער וועג זיך שפרייט;
האַרבסט האָט די גילדערנע פענער
אין אָוונט-ווינט צעוויִיט.

דער אָוונט — אַ בוך צעעפנט —
ליגט אויפן אַלטאַר פון דער ערד;
לייענט אים אַ בוים אין פעלד-וואו,
לייענט און ווערט פאַרצערט.

שטאָט איז היינט קראַנק פון אומעט,
מויערן עטעמען קוים,
עס שטראָמען די גאַסן, ווי טייכן
מיט רויטן שקיעה-שוים.

לאָמיר פון דער שטאָט אַוועקגיין
ערגעץ איבער דער וועלט,
אָוונט האָט גילדערנע שפּיגלען
אויף אַלע וועגן צעשטעלט.

לאָמיר גיין, וואו וואַלד שטייט אָפן,
אויף אַ באַרג — וויסט און לער;
וואו די ווערבע ביי אַ וואַסער
שפּילט זיך אין איר טרער.

לאָמיר גיין, וואו וואָלקנס ציען,
ווי פייגל שטיל און מיד;
וואו ווינט שפּילט איבער פלויטן
זיין אַלט, פאַרצייטיק ליד.

און אפשר — א בלינדער זקן
מיט אַ קינד פאַרן האַנט —
לאָמיר גיין, ווי ס׳גייט דער אָוונט
דורך אַ ווייט פרעמדן לאַנד.

דיין טרויער — אַן אַלטע פידל,
מיין וויי — אַ באַס, וואָס קלאָגט:
שפּילן מיר געוויין פון פייגל
פון זייער נעסט פאַריאָגט.

שפּילן מיר ביים ברעג ביים וויסטן
פון דער וועלט, אַלט און קליין.
ביז ס׳קומט די נאַכט פארמעקן
אונדער ליד און געוויין.

ניט זילבערנער צוויט פון פרילינג
אויף אונדזער וועג זיך שפּרייט:
האַרבסט האָט די גילדערנע פענער
אין אָוונט-ווינט צעווייט.

שטיל און טויאיק

שטיל און טויאיק פֿאַלט דער שניי און פֿאַלט.
שטייט די שטאָט אין שטילקייט, ווי א וואַלד.

דורך די גאַסן שטראָמט א ווייסע פֿרייד,
ווי עס שטראָמט אין טייך די וואַסער-קייט.

וועבט דער שניי און וועבט זיין זייד-געוואנט
פֿאַר מיין פֿענצטער מיט אַ העלער האַנט.

שטיל און טויאיק פֿאַלט דער שניי און פֿאַלט,
גיט דער שניי אַ בלענד מיט דיין געשטאַלט.

זינגט דיין נאָענטקייט אויף מיינע הענט,
צירט דיין שאָטן שוין די טרויער-ווענט.

וועקט זיך אויף די איינזאַמקייט און שרייט:
זי איז נאָענט דיר — און דאָך ווי ווייט.

ווי דאָס ווינטער-פֿעלד — ביסט לער פֿון פֿרייד.
ציטערסט אונטער דינער טרויער-קלייד.

און דו קענסט ניט ענטפֿערן אַליין.
וואָס-זשע בענקען אויגן נאָך געוויין:

און פֿאַרוואָס ביסטו דיין לעבן גרייט
אונטערוואַרפֿן אונטער פֿרעמדן פֿלויט?

... שטיל און טויאיק פֿאַלט דער שניי און פֿאַלט,
מיטן שניי פֿאַרווייט אויך דיין געשטאַלט.

גילדערנער סעפּטעמבער

גילדערנער סעפּטעמבער וואַנדערט דורך דער וועלט.
אויף די הויכע בערג מיניעט זיך זיין קרוין און העלט.

אין די וועלדער ציטערט דורך זיין שאַרלאַד-רויטע קלייד.
אויף די רייפע וואַסערן וויגט זיך אום זיין פרייד.

אין די טאָלן לויכטן זיינע פלאַמען און אויף יעדן וועג
קלינגען, ווי כלי-זין, זיינע גאָלדיק-ברוינע טעג.

גילדערנער סעפּטעמבער וואַנדערט דורך דער וועלט.
כ׳הער דעם אָטעם פון זיין טראָט אין אָפן-ווייסן פעלד.

כ׳זע די זון באַגינען אויף איר קלאָרן פייער-שטעג,
ווען שעהן קומען אָן, ווי כוואַליעס צו אַ שטילן ברעג.

כ׳זע דעם טאָג אין באַנגן בלעטערפאַל פאַרגיין,
ווען טרויער רינט פון יעדן צווייג, ווי אַ געוויין.

און קומט די נאַכט אין טיפן שטערנדיקן בלוי,
פינקלט דער סעפּטעמבער אין איעדן טראָפּן טוי.

און שטיל און קלאַנגלאָז, ווי דער מאַטער וואָלקנגאַנג,
שווימט אָן אין מיין געמיט אַ טרויעריק געזאַנג.

אָ, טעג און נעכט! ווי ווינט, וואָס וויט, פאַרוויט,
קומט איר אין מיינע טויערן און איר פאַרגייט.

און נאָר דערמאָנונג פינקלט, ווי אַ קרוין, און העלט,
ווען גילדערנער סעפּטעמבער וואנדערט דורך דער וועלט.

באַגינען

דינער נעפּל־פּאָרהאַנג ציטערט קוים.
פרילינג רייפט — אַן עפּל אויפן בוים.

שטערן לעשן זיך אין הימל־הויך.
טאָג שווימט אָן, ווי גרינלעך־בלויער רויך.

בליט דער מאַי־בוים אין זיין נייער הויט.
צווייגן שימערן אין מאָרגן־רויט.

פייגל שרייען־אויף און דער געשריי
פאַלט אויף ערד אַראָפּ, ווי פרישער שניי.

איינזאַם איז די שעה איצט, ווי אַ טויב,
וואָס קלאַפּט אַ נעסטלאָזע אין פרעמדער שטויב;

און וואונדערלעך — ווי גרינער בלאַט אין ווינט;
ווי ליכטנדיקער חלום פון א קינד . . .

אַ שיף אַ גילדערנע — פון מזרח־ברעג
גייט זון אַרוים איר הויכן הימל־וועג

און אירע זעגלען קלינגען איבער וועלט,
איבער וועלדער טיפע, איבער פרייען פעלד . . .

ביינאַכט

הער, מיין קינד, וואָס רעדט דער ווינט
און וואָס דער בוים אין בלעטער־שפּראַך:
דער פרילינג לאַכט און בליצט אַצינד
אין שטערן־שפּיגל פון דער נאַכט.

הער, מיין קינד, וואָס רעדט דאָס פעלד
און וואָס דער טייך אין כוואַליעס־שפּראַך:
דער פרילינג שאַלט, דער פרילינג העלט,
ווי אַ טרומפּייט אין ווייסער נאַכט.

הער, מיין קינד, וואָס רעדט דאָס ליד
פון וואַנדערער אויף ווייטן שליאַך:
פון ביימער פאַלט דער הימל־צוויט,
ווי בלויער שניי אין פרילינג־נאַכט . . .

ביים ים

א

פונדערוווייטנס גרייכט צו מיר זיין רויש,
ווי דאָס שלאָגן אין אַ פויק פאַרוים
חילות-רייען, ריי-אין-ריי.

דער וואַלד איז פול מיט זיין געשריי,
ווי ס׳וואַלטען פייגל זיך אין אים געוועקט
און זיין אומרו פאַר דער וועלט אנטפּלעקט.

נאָר אָט פאַרנייגט זיך שוין מיין וועג
אַראָפּ, אַראָפּ, צום ווייסן ברעג
און ווי עס וואַלט אַן אומזעבאַרע האַנט
אוועקגעשאַרט אַ פאָרהאַנג פון א וואונדערלאַנד,
באַווייזט ער פּלוצים זיך פאַר מיר — דער ים
אין העלן טאָג — אַ פייערדיקער וואַסער-פלאַם
מיט כוואַליעס-פּאַנצערס אין גרין און רויט,
מיט זון, ווי אַ גילדערנע פייל אין זיין הויט,
אומענדלעך-ווייט, אומענדלעך נאָנט,
קלעטערנדיק, ווי א באַרג, צום האָריזאָנט . . .

ב

און אָפטמאָל ברומט דער ים, ווי אַן אָרגל טיף.
ליג איך אויף זיין ברעג — בין איך אויף אַ שיף.
און ווי פון ווײַן באַרוישט, מיט וואַקלדיקע טריט
צעוויג איך זיך. און וואָלקן-לייכט איז מיין געמיט.

הער איך זיך איין, ווי עס פּלאַפּלט דער ווינט
מיט כוואַליעס-צונגען שוימיק-געשווינד:
די זון — אַ גילדערנער זעגל אין ווינט —
קלינגט דין, ווי אַ שויב, אין קרישטאָליק-לינד:
די זון — אַ גילדערנער שפּיגל אין ווינט —
איז פול מיט שמייכלען, ווי ס׳פּנים פון אַ קינד.

עפענען זיך ברייט מיינע אויגן אויף
און קלעטערן צום הויכן הימל אַרויף,
גיט די דערמאָנונג, ווי אַ פייגל, אַ פלי —
זע איך אַ פעלד אין זומער-בלי
און אין מערב — די זון פאַרגייט,
און פון אָוונט — זיין בלויע קלייד.
און אין פעלד, אין אָוונט ליכט
פון אַ געשטאַלט — אַ נאָנט געזיכט . . .

אָ, נאָנט געשטאַלט — אין ים-געזאַנג
צי הער איך ניט אַצינד דיין גאַנג?
אָ נאָנט געשטאַלט — צי זע איך ניט
אויף כוואַליעס שוימען דיינע טריט?

אַ פויגל, וואָס שפּרייט זיינע פליגל אויס
איבער שוימיקן, שנייאיקן כוואַליעס-שוים —
וויג איך מיר אין אינם העל-בלויען טרוים
און צערין און פאַרגיי, ווי דער כוואַליעס-שוים.

ג

אין טיפער נאַכט, אין קלעם פון ווענט,
אין שטייג פון פינצטערניש און שרעק —
דערמאָנונג נעמט מיך אויף די הענט
און טראָגט מיך שטיל צום ים אַוועק.

די זון פאַרגייט. די נאַכט איז נאָנט.
דער ים אין טיפן אָוונט שאַלט.
דאָס שאַלן פונם ים דערמאָנט
דעם בלעטער-רויש אין טיפן וואַלד.

איך שטיי מיט בליק צום ים געווענדט.
מיט בליק צו אייביקייטס געזיכט.
די זון גייט אוים אויף גאָלדענע הענט
און אויך אין מיר גייט אוים איר ליכט.

דער אָוונט נענטער רוקט זיך צו.
עס טונקלט שוין דער וואַסער-שוים.
דער רויש פון ים ברענגט איצט דיר רו
און הייבט דיך פון דיין וועלט אַרוים.

די נאַכט איז דאָ. אויף יענער זייט
פון פינצטערניש — די זון, זי רוט.
אַן אַלט געזאַנג קומט פון דער ווייט
און ברעכט דורך טויערן אין בלוט.

עס פאַלן שטערן אין דער נאַכט
און לעשן זיך אין כוואַליעס-שניי.
חלומות אַלטע קומען זאַכט.
אויף כוואַליעס-שוימען קומען זיי.

מיר גייען אייביק אונדזער וועג,
נאָר אומזעבאַר — דער ים גייט מיט.
און שטייענדיק ביים אָוונט-ברעג,
נאָך קלינגט אין אונדז זיין ווייטע ליד.

. . . אין טיפער נאַכט, אין קלעם פון ווענט,
אין שטייג פון פינצטערניש און שרעק
דערמאָנונג נעמט מיך אויף די הענט
און טראָגט מיך שטיל צום ים אַוועק.

ווען שטורעם רופט

ווען שטורעם רופט און ביימער-רויש
זאָגט-אָן: ס׳לויערט וואו דער רעגן:
אין אָט דער נאַכט-שעה, איינזאַם-גרויס,
באַווייז זיך, גאָט, אויף מיינע וועגן.

באַווייז זיך, גאָט, און לאָז דיין שיין
אַ בליץ-טאָן אין דער נאַכט אַריין.

ווען ס׳ציטערן געהיים און מיד
די אויגן-אַפּלען פון די שטערן
און ס׳גליט אין ווינט אַ טרויער-ליד,
אָ, לאָז מיר, גאָט, דיין קול דערהערן.

באַווייז זיך, גאָט, און לאָז דיין שיין
אַ בליץ-טאָן אין דער נאַכט אַריין.

ווען ס׳שטייגט דער ים פון ברעג אַרויס
מיט כוואַליעס-פליגלען שנייאיק-העלע
און ס׳קלאָגט דער טויט אין וואסער-שוים,
אָ, פיר מיך, גאָט, צו דיינע שוועלן.

באַווייז זיך, גאָט, און לאָז דיין שיין
אַ בליץ-טאָן אין דער נאַכט אַריין

ווען שאָטנס וועלקן אויף די ווענט
און ס׳וויינען ברידער אין די קברים,
אָ, זאָל דיין טרער, גאָט, זיין געווענדט
צו נאַכט און ערד, צו מענטש און וואָרעם.

באַווייז זיך, גאָט, און לאָז דיין שיין
אַ בליץ-טאָן אין דער נאַכט אַריין.

לבנה - באַלאַדע

אין שטילן צימער שוויגן אַלע דריי.
און אויפֿן טיש שווייגט-מיט דער וויין.
נאָר ס׳בליט דער אָוונט, ווי דער בלויער מאַי
און ווי אַ פֿאַקל, לויכט לבנה-שיין.

זאָגט איינער פּלוצים: די לבנה שטייגט
פֿון די וואָלקנס, ווי א וואסער, אויף;
ווי אַ טורעם, הויערט נאַכט און שווייגט
פֿון טיפֿסטן טאָל ביז איבער בערג אַרויף.

זאָגט צווייטער: די לבנה וועט פֿארגיין
און אויך איר ליכט, וואָס האָט געשטראַלט;
נאָר ווינט, אַן איינזאַמער, וועט זיין געוויין
פֿאַרצוקן, ווי אַ וואָלף אין טיפֿן וואַלד.

שטייט דריטער שטום צו נאַכט געווענדט
און צום חלום פֿון דער ווייט, וואָס גליט;
די שטערן ציטערן אויף זיינע הענט
און פֿארלעשן זיך אין זיין געמיט.

אין שטילן צימער שווייגן אלע דריי.
און אויפֿן טיש שווייגט-מיט דער וויין.
נאָר ס׳בליט דער אָוונט, ווי דער בלויער מאַי
און, ווי אַ פֿאַקל, לויכט לבנה-שיין.

ניט בת־קול . . .

ניט בת-קול, וואָס ברומט, ווי אַ טויב,
דערהער איך אין שלאָפלאָזע נעכט,
נאָר קלאָג פון שאַקאַלן אין שטויב,
פון טעמפלען — צעשטערט און פאַרשוועכט.

אָט זע איך פאַרבראָכענע הענט,
אָט הער איך אַן אַלטן געוויין:
ווי פויגל פון שטורעם פאַרלענדט
דאָס קלאָגסטו, אָ, טאַטע, אַליין.

אַזוי קלאָגט אַ בוים טיף אין וואַלד,
געטראָפן פון שטורעמס געשריי:
אַזוי קלאָגט אַ שטאַם, וואָס איז אַלט
פון טרויער און טרערן און וויי.

און כאָטש דו ביסט, טאַטע, שוין טויט,
דאָך ציטערט אין מיר אויף דיין טרער.
ווען טאָג גייט אויס גלוטנדיק-רויט
און נאַכט פיבערט פינצטער און שווער.

דאַן קלאָגט עס אין מיר, ווי עס קלאָגט
אַ ווינט אין אַן עלנטער גרוב.
ביז ס׳שיינט אויף אין הימל דער טאָג,
ווי אַ ליכט אין אַ מתים-שטוב.

ניט בת-קול, וואָס ברומט, ווי אַ טויב,
דערהער איך אין שלאָפלאָזע נעכט,
נאָר קלאָג פון שאַקאַלן אין שטויב,
פון טעמפלען — צעשטערט און פאַרשוועכט.

כ׳גראָב זיך איין

כ׳גראָב זיך איין אין מיין געוויין
און פאַל אין טיפן תהום אַראָפּ.
דער האַרבסט אין וואַלד בין איך אליין
און ס׳בלאַנקט די נאַכט איבער מיין קאָפּ.

ווארף איך מיין געשריי אין נאַכט,
ווי א שטיין אין טייך אריין.
פאַלט דער הימל, פאלט און קראַכט
און פארווירט מיך מיט זיין שיין.

בלייב איך אין דער פינצטער שטיין,
ווי אַ וואָרצל אין דער ערד.
איבער מיר און מיין געוויין
בלאַנקט די נאַכט — אַ שארפער שווערד.

אַ פונק אין אַש

אַ פונק אין אַש — מיין וואַך-זיין גליט.
דער שלאָף אנטלויפט פון מיינע אויגן.
זע איך פענצטער מיט נאַכט פארצויגן.
הער איך פון ווינט די טונקעלע טריט.

נאַכט איז א שפיגל קלאָר, ווי א שטראַל.
לויכטן אין אים געצונדענע ליכט.
פון א פארשטאָרבן קינד א געזיכט
לאַכט פון אונטער אַ טרויער וואואַל.

די שאָטנס ווינקען מיט מיר זיך איבער.
די נאכט שמעקט מיט מאָרד און ווייב,
מיט ריח פון בלוט, געשריי פון לייב
און מיט דער שרעק פון מתים-גריבער.

ביים ראַנד

אין די הויכע, הימל-בלויע פענצטער פון שפּיטאָל
גייט אָפּ אין בלוט די סעפּטעמבער-זון.

ביים טויער זיצט דער אָוונט —
אַ בעטלער מיט בלינדע אויגן
און שפּילט אויף אַן אַלטער פידל
דאָס ליד פון פאַרבראָכענע הענט.

דיביימער ביי די פענצטער שטייען מיד און שוואַך
און קענען דאָס גאָלד פון די בלעטער
ניט אויפהאַלטן אויף זיך.
שטרעקן זיי צווייגן אויס, ווי הענט אין געבעט,
עלנט און אַליין.

די לופט איז פול מיט פאַרגעבונג,
ווי אַ קינד נאָך לאנגן געוויין.

שטאַרק זיך, ברודער, וועסטו זען:
ביים ראַנד פון דיין בעט,
ווי ביים ראַנד פון אַ וואַסער אַ שטילן,
שטייט דער האַרבסט, ווי אַ ווערבע געבויגן.

שטאַרק זיך, ברודער, וועסטו זען:
די בלויע, מידע ווענט פון שפּיטאָל
זיינען טרויעריק, ווי לייבער פון חולאים.
טוליען זיי זיך צו די פענצטער,
ווי שאָטנס גרויסע צו אַ שפּיגל:
אַ קוק צו טאָן אין מאַטן דרויסן
און דערזען —
עס לעשט די בלויע האַנט פון ווינט
די שטערן-ליכט פון דער סעפּטעמבער-נאַכט.

ע ל ע ג י ע

ביי דיין קבר שטייט דער הויכער יוני-טאָג
און רוישט, ווי אַ בוים מיט זיינע בלעטער.

מיילנווייט ארום, איבער פעלד און טייך
גייט דער ווינט מיט וואַקלדיקע טריט;
און הויך אונטער די וואָלקנס שרייען פייגל
דאָס געשריי פון דיין ניט פארענדיקט ליד.

אָ, ברודער מיינער, אין ליד און געמיט,
ביים ראַנד פון דיין קבר שטיי איך
פאַרוואָגלט פון דער וועלט ווי א בלאַט,
וואָס דער ווינט טרייבט פון וואלד ארוים
אין אָפענעם, אין גאָלדענעם האַרבסט.

פון אלע חלומות פארלאָזט,
איינזאם, ווי אַן אָונט-ליד —
לייג איך מיין קאָפּ אויף דיין קבר אַנידער
און פארנעם אהינטער זאמד און שטיין
דיין אָטעם און געוויין.

דער טאָג פארגייט. און דער פארנאכט
לייגט זיך אויפן ברייט פון טייך,
ווי א גאָלדערנע בריק.
באלד וויט די נאַכט, ווי א בלויער פאָרהאַנג,
אַראָפּלאָזן זיך איבער דער וועלט.
נאָר אן איינציק שטערנדל אין הימל
וועט א פאל טאָן פלוצים, ווי אַ הייסע טרער,
און קושן דיינע זאַמדן.

פרילינג 1933

איך גיי דורכן פרילינג מיט אַלטע טריט.
מיין טרויער, ווי דער ים, גייט מיט מיר מיט.

דער פרילינג רוישט איבער מיר, ווי אַ וואַלד.
איך הער זיין בליצנדיקן האָרן, וואָס שאַלט.

איך זע די פרייד פון טאָג, וואָס ברענט.
אַן אָפּשיין פאלט אויף מיינע הענט.

איך גיי דורכן פרילינג מיט אַלטע טריט.
מיין טרויער, ווי דער ים, גייט מיט מיר מיט.

מיין פּנים — אַ סנה פאַרלאָשן אין ווינט.
מיין צער — געוויין פון ביינאַכטיקע הינט.

ווייל זון, וואָס שטראַלט, ווי אַ לאָטאָס-בלום אַראָפּ,
איז אויך — פון מיין גוף דער געקעפּטער קאָפּ.

ווייל שטיינדל אין ברוק, וואָס לאַכט, ווי א קינד,
איז אויך — אויף מיין גוף אַ שטערנדיקע וואונד.

ווייל האַנט, וואָס שטרעקט זיך מיט פרילינג צו מיר,
ברענגט די קראָ פונם טויט צום שוועל פון מיין טיר.

אָ, דאָס איז דער פרילינג פון זון און פון בלוט,
וואָס פייניקט מיין לייב מיט זיין גילדערנער רוט.

אָ, דאָס איז דער פרילינג! פינצטער און שווער
הענגט איבער ערד אַ בלוטיקע טרער.

און אינם בלי פון בוימערשן צווייט
צער פון דער וועלט פיבערט און גליט.

איך גיי דורכן פרילינג מיט פארלאָשענע טריט.
מיין טרויער, ווי דער ים, גייט מיט מיר מיט.

האָר טויט

נידעריק און שפּל אַנטקעגן דיר, מיין האָר,
מיט מיין אָרעמער פרייד און מיין טרייסטלאָזן צער

שטיי איך אין אָוונט, ווי אַ בוים, אַליין.
איבער מיר, ווי א שטערן רעגן, פלייצט געוויין:

אָ, וואָס איז מיין טרער אַנטקעגן דיין מאַכט?
דאָס ליכט פון מיין אויג — אַנטקעגן דיין נאַכט?

שטורעם פון מיין לייב — אַנטקעגן דיין רו?
אַז אין מיין יעדן אָטעם-צוג ביסטו.

און אינם געוויין פון קינד אין וויג,
און אינם געשריי פון חילות אין זיג,

און אין גרין-בלעטערדיקן פרילינג-שיין,
און אינם שימער פון פריילעכן ווייַן,

און אינם גערוך פון פעלדישן טוי,
אין טונקעלער פרייד פון מאַן-און-פרוי.

ווי דער אָקעאַן זיינע כוואַליעס אין רויש,
וויגסטו און פאַרוויגסט די ערד אין דיין שויס

איך זע דיך נידערן פון הימל אַראָפּ.
ס'פינקלט די בלוט-רויטע קרוין אויף דיין קאָפּ.

און צוגעשמידט, ווי אַ שאָטן, צו מיין געצעלט,
האָרך איך צו דיינע דונערן איבער דער וועלט.

אין אַזאַ נאַכט

א

די נאַכט איז פול מיט געשרייען,
עס פלאַטערן די פענער פון ווינט
אויף טונקעלע ביימער-רייען.

אין פענצטער-טייכן בלאָע
שווימט לבנה — אַ קאָפּ פון אַ דערטרונקענעם;
און ס׳ציטערן גראָזן, פאַרלאָשענע און גראָע.

אין אַזאַ נאַכט
הער איך, ווי עס בלעטערן זיך
די שאָטנס אויף די שטילע ווענט:
ווי בלעטער פון אַן אַלטן ספר,
פאַרגעסן און געשענדט.

די איינזאַמקייט איז אַן אָבל-שפּיגל,
וואָס וואַרפט די שוואַרצע שלייערן פון זיך
און טרויערט, ווי אַ פאַרשעמט געזיכט.

די האָפענונגען, ווי שיפן, פרגייען
און ס׳טרינקט זיך די נאַכט אין געשרייען.

ב

אין אַזאַ נאַכט
דערהער איך פון מיין טאַטן די טריט —
אין צימער — שטיל און מיד.

אַלט, פאַרצייטיק, מיט אויגן פול חצות,
ווי שטערן, פאַרלוירן אין פינצטערן גראָז,
מיט הענט, ווי פליגל, בלייך און פאַרשמאַכט,
צעטענהט ער זיך מיט ווינט,
מיט גאָט און מיט נאַכט.

אין אזאַ נאַכט
איז מיר פרעמד מיין געלעגער, מיין געביין,
ווי מיין טאַטנס אָרעמער קבר-שטיין.

בלאָנדזשע איך אין מיין וועלט אַרום,
ווי אַן אלטער ווידערקול, אַלט און שטום.

ג

אָ, גאָט,
דיינע הימלען פוסטעווען איצט בלאָ און ברייט,
ווייל דו, אין ווינט און אין וואָלקן פאַרקליידט,
גייסט — אַ וואַנדערער איבער דער וועלט.

נאַקעט, ווי דער בוים אין וויסטן פעלד,
צו שטורעם און צום דונער גרייט,
שטיי איך פאַר דיר — אַ קרוג פול געבעט:

אָ, לאָז דיין שטאַרקע האַנט אראָפּ
אויף מיין טיף-געבויגענעם און זינדיקן קאָפּ.
אָ, נעם מיין גוף און צעטרעט — —

און די נאַכט איז פול מיט געשרייען.
עס פלאַטערן די פענער פון ווינט
אויף טונקעלע ביימער-רייען.

ד

אָפטמאָל שטייט די שלאָפלאָזע נאַכט
ביי מיין צוקאָפּנס,
ווי אַ פאַרלאָשענע ליכט
צוקאָפּנס פון אַ מת.

היינט איז די נאַכט וואַך,
ווי דאָס קול פון אַ יאַגד-האָרן.
און מיין גוף אַ גניאַגטער וואָלף
אין וואַיענדיקער שרעק.

איך זע די שטילקייט,
איך הער די פענצטערניש
און שפיר ווי אַלע שטערן פון הימל
שווידערן אין מיין בלוט.

ה

אין צווייטן צימער ברענט אַ ליכט.
דאָרט זיצט מיין טאַטע אין חצות פאַרהילט
און זיין תהילים אין האַנט —
אַ טרער וואָס גליט.

פאַרמאַך דיין תהילים, טאַטע.
פאַרלעש דאָס ליכט
און קום אַריין צו מיר אין פינצטערן חדר,

ביידע דאָ, אויפן ראַנד פון מיין בעט
וועלן מיר זיצן,
ווי צוויי געראַטעוועטע פון אַ שיף-בראָך
אויף אַ וויסטן אינדזל-ברעג,
און באַקלאָגן דיין גורל, וואָס לעבט אין מיר
און זוכט אַן אויסגאַנג
און קלאָגט אין מיר.

ו

די ווענט אין מיין צימער
קוקן מיך אַן פרעמד.

ביטאָג איז זיין אָנבליק מילדער.
שיינט די זון אויף זיי —
שווימען זיי אַוועק ווי טייכן.

ביינאַכט קליידן זיי זיך אין שאָטנס אָן,
ווי פלויטן אָוונט-צייט אויף אַ פאַרלאָזט פעלד.

זיי בייגן זיך אריבער איבער מיין געלעגער,
וויביימער איבער אַ טונקעלן וואַסער.

אַט הויבן זיי זיך אַרויס פון די פונדאַמענטן,
ברעכן צוזאַמען און פאלן איבער מיר,
ווי דונערן צעשאָטענע.

ז

אין שלאָף הער איך אָפט:
עס רוישן ביימער.
איך זע אַ פעלד אין העלן גרין.
אַ טייך לויפט און לויכט,
און קלינגט, ווי גלאָז אַזוי דין.

דער חלום נייגט זיינע גילדערנע הענט
איבער מיר,
ווי אַ רעגנבויגן — איבער דער וועלט.

און ווען איך וואַך אויף,
ליגט די טיפע האַרבסט-נאַכט
אויף אַלע דעכער:
און אירע שטערן — בלאָ און קאַלט —
בלאָנדזשען אין מיין צימער,
ווי אין אַ וואַלד . . .

אָ, פיר מיך, גוטע האַנט פון שלאָף,
און ברענג מיך ווידער אין דיין חלום-לאַנד.

פסח־נאַכט - באַלאַדע

מיט ליימיקע טריט, ווי דער גולם פון פּראָג,
איבער גאַס־טראָטואַר, פאַרביי איינזאַמען ראָג.

ס׳בליט די נאַכט שוואַרץ, ווי א פינצטערע בלום.
ס׳יאָגט נאָך די שאָטנס דער ווינט זיך ארום.

און הויך איבער שטאָט, ווי א צייכן פון טויט,
ליכטיקט א צלם אין גרין און אין רויט.

ליכטיקט א צלם און שטערנט, און העלט.
און שטאָט — ווי א קבר אין נאַכטישן פעלד.

מיט ליימיקע טריט, ווי דער גולם פון פראג,
איבער גאַס־טראָטואַר, פאַרביי איינזאַמען ראָג.

און גוף, ווי אַ האַק אין פאַרוויאַנעטן קלייד,
און הענט, ווי די בליצן אין פייער־באַשייד:

אַ, צלם, וואָס בייגט מיט זיין פינצטערן שיין,
ווי גראָזן, די יידישע שטיבעלעך איין.

אַ, צלם, געשטרעקט, ווי אַ בלוי־שאַרפער שווערד,
ביי טויערן אַלע פון ליכטיקער ערד.

ביים בלי פון דיין ליכט — אָט קום איך דערזען
דעם וואונדער דעם גרויסן, וואָס גייט איצט געשען.

ווען סוף פון דיין בלענד אין בלוט און אין לייד
וועט מאַכן געבוירן דעם פלאַטער פון פרייד.

נאָר ס״פייערט דער צלם — מעסערדיק־קאַלט
און ס׳שווידערט די שטאָט, ווי אַ פינצטערער וואַלד.

און פלוצים — אַ רים פונם הימל, וואָס ברענט,
גיט צלם מיט בליציקע, שרייאיקע הענט,

אַ רים און א יאָג איבער שטאָט, וואָס איז וואַלד,
איבער גאַס־טראָטואַר, איבער בלינדן אַספאַלט:

ער שווינדט גיך פארביי און בליצט גיך צוריק,
און פאלט אויף מיין האַלדז, ווי אַ בלוטיקע שטריק.

מיט ליימיקע טריט, ווי דער גולם פון פראג,
איבער גאַס-טראָטואר, פארביי איינזאַמען ראָג.

ר׳ יונה

ווי אַ שאָטן — אויפן שוועל פון זיין חרובער הויז
זיצט דער אלטער ר׳ יונה אין זון-פארגאַנג.
ער קוקט אָן גאָטס ערד, וואָס איז וואונדערלעך-גרויס
און אַנטפּלעקט זיך פאר אים אין אָוונט-גאַנג.

זיין ווייסע באָרד פלאַטערט אין ווינט, ווי אַ טויב,
און זיינע אויגן וואַנדערן אויפן נאָנטן שליאַך.
אַ שטערנדל בליצט-אויף אין אַ שטעטלשער שויב,
ווי א וואָלף אין אַ ישוב — קומט אין שטעטל די נאַכט.

זיין טראָט האָט פארזוכט שוין דעם טעם פון דער וועלט.
דעם וויפלטן זון-פארגאַנג האָט זיין אויג אויסגעשעפּט?
איז ער איצט — אַ ווערבע אין הארבסטיקן פעלד,
וואָס האָט איר לעצטן זומער שוין אָפּגעלעבט.

ס׳איז פרעמד אים דאָס שטעטל און פרעמד אים די שול,
וואָס שטייט אליין, ווי אַ ווינטמיל, אין עלנטן פעלד.
ער גייט אום מיט אַ האַרץ, וואָס איז מיט טרויער פול,
ווי פול ס׳איז מיט פרייד די גרויסע וועלט.

און אַז מען פרעגט אים: ר׳ יונה, וואָס הערט זיך, האַ?
ענטפערט ער שטום: מען שלאָגט יידן. און שוין:
ס׳איז היינט אַזאַ דור, ס׳איז היינט אזאַ שעה,
ווען ס׳וואַלגערט אין שטויב זיך גאָטס וואונדער-קרוין.

איצט זיצט ער אין אָוונט אַ גרויער, ווי אַ טויב.
עס הערן זיך ניט משיח׳ס טריט אויפן שליאַך.
נאָר א שטערנדל בליצט אויף אין א שטעטלשער שויב
און, ווי א וואָלף אין א ישוב, קומט אין שטעטל די נאַכט.

ווי אין אַן אַלטן פּנקס

ווי אין אַן אַלטן פּנקס, פאַרגעסן און פאַרגעלט,
קוק איך אַריין אין דיינע געסעלעך,
יידיש שטעטל אין דער ליטע.

פאַרטאָג הער איך ווי עס רוישט דער ווינט
אין די ווערבעס ביים שאָסיי-ראַנד.
אָט לאָזט ער זיך גיין צווישן די הייזלעך,
קלינגט אין די דינע, מאַטע שויבן-גלאָזן
און באַוועגט די קריעה-ריסן אויף די ווענט.

און ווען עס קומט דער פאַרנאַכט,
צינדן זיך אָן די שויבן פון דער אַלטער שול
מיטן ליכט פון אַ פאַרגאַנגענעם יום-טוב,
און די געוועלבער-טירן מאַכן זיך צו
שטיל און קלאַנגלאָז, ווי ארונות.

אָט קוקט פון אַ גראָען פענצטער ראַם אַרויס
אַ פּנים פון אַן אַלטן יידן,
ווי אַ פּנים, איינגעפּאַסט אין אַ טרויער-ראַם:
דער לעצטער שומר אויף דיין מויער.

ער קוקט אָן די לופט,
וואָס איז שטיל און אָבלדיק
און ווערט בלויער מיטן אָוונט
און ער זעט:
עס לויפט אַ געסל באַרג-אַראָפּ,
צום טייך-צו,
און טראָגט אויף אירע קרומע, שוואַכע הענט
אַן איינזאַם שטיבל —
אַ קינדער-מת צו טהרה.

דער אָוונט הענגט ארוים די שאָטנס,
ווי שוואַרצע טרויער־פאָנען,
אויף אלע דיינע פּלויטן,
יידיש שטעטל אין דער ליטע.

ייד זים

װעלכע גורל־האַנט פאַרבינדט
מיך מיט דיר, ייד זים, אַצינד?

מיך מיט דיר. װען טיפע נאַכט
בליצט מיט שטערן־צײַן און לאַכט.

און לבנה — בלוטיק־רויט —
שרייבט אויף װאָלקנס אָן דיין טויט.

פלאַטערט אויף דיין שװאַרצע קלייד,
װי אַ קראָ — אין שיין פון פרייד.

עלנט אין דיין גאַנצער גרויס,
װי אַ פעלז אין כװאַליעס־ברויז,

אין דיין שװייגן איינגעהילט
און אַרום — דאָס לעבן װילד

װיכערט, רופט, קלינגט און שאַלט,
און פאַרלייקנט דיין געשטאַלט.

עד, ייד זים, דיין איינזאַמקייט
שפּילט דיר אונטער אויף אַ פלייט,

און דיין אומעט אויף אַ האַרף,
און דיין צער — װי חלף שאַרף.

און אַ שמייכל — מיד און אַלט,
װי די האַרבסט־זון אין אַ װאַלד,

גיט אַ לויכט אויף דיין געזיכט
און פאַרלעשט זיך אומגעריכט.

ברעכט דיין צאָרן — שטייניק־האַרט,
כאַפּט די שנאה — אייז־פאַרשטאַרט —

טורעמט זיך צו דיינע פּיס —
שטאָלצער, איינזאַמער ייד זים.

ביסט פֿאַראורטיילט — ווי אַ קרוין,
טראָגן אויף דיין קאָפּ — געוויין.

און דיין קיניגלעכע קלייד
רויט באפלעקן מיט דיין טויט.

וועלכע גורל-האַנט פארבינדט
מיך מיט דיר, ייד זים, אַצינד?

איבער אַלע שטורעמס

איבער אלע שטורעמס — שטילקייט.
איבער אלע וואָרן — טרוימען.
אין טיף-פאַרפרוירן הימל-קילקייט —
באַלאָן צעצונדן אין די רוימען.

ערד און פרילינג אין דער נידער,
לעבנס צוויי אין גאָרע הויכן;
וואָלקנס זינקען אין דער נידער
און וויקלען זיך, ווי ווייסע רויכן.

די אויגן — שטאַר און פול מיט אַנונג.
אין פינגער-שפּיצן זינגט דער פיבער.
ס׳שפּרינגט די וועלט אין שאַרפער שפּאַנונג
די צייט, ווי אַ ברייטן טייך, אַריבער.

דאָ קרייצן זיך די וועלטן-וועגן,
דאָ שלאָפן איינגעהילט די ווינטן;
נאָר אָקם פון ערד, וואָס יאָגט אַנטקעגן
אַלע זיבן הימלען אין גיכן שווינדן.

אָ, ווער זאָל קומען און ווער זאָל הערן
דעם אָטעם-גלי פון ערדנמענטשן,
ווען ברייטער ריטם פון הויכע ספערן
פילט אָן די רוימען איבער אַלע גרענעצן.

אָ, ווער זאָל קומען און ווער זאָל הערן
געוויין פון גוף און קלאַנג פון טרויער,
ווען ס׳בליצן פאַרבאָרגן די איינזאַמע שטערן
און גאָט קוקט ארויס אַהינטער גלעזערן טויער.

אָ, ווער זאָל קומען און ווער זאָל הערן
דעם פריידניובל פון ערדנמענטשן,
ווען ס׳קילט דער טויט די בלוט-באַגערן
און שטרעקט די הענט אויף ווייסער בענטשונג.

די וועלט איז ווייט און אויסגעלאָשן.
נאָר בלינדער דראַנג און בלינדע ענדן.
ס׳שטאַרבט דער חוש פאַר צייט און מאָסן.
ס׳טוליעט זיך אָטעם צו לופטן פרעמדע.

און ס׳ווערן פול דעם מענטשנס גלידער,
ווי וואַסער-קריג מיט העלן שווייגן.
און ס׳לאָזט זיך שווין אין טיפן נידער
פון הויכע ווענט — דער הימל-שטייגן.

איבער אַלע שטורעמס — שטילקייט.
איבער אַלע וואָרן — טרוימען.
אין טיף-פאַרפרוירן הימל-קילקייט —
באַלאָן צעצונדן אין די רוימען.

וויג - ליד

ניט שלאָף, מיין קינד, זיי וואַך, זיי וואַך,
אין פענצטער שטייט די טיפע נאַכט.

אין פענצטער גרויט לבנה-שיין.
אַ זילבער-שלייער הילט דיך איין.

אין פענצטער גליט א פייער-פליג:
לבנה וויגט איר גאָלדענע וויג.

און שאָטנס בלויע אויף די ווענט
פליעסקען-צו מיט דינע הענט.

ניט שלאָף, מיין קינד, זיי וואַך, זיי וואַך,
דיין טאַטע וואַכט אין טיפער נאַכט.

דיין טאַטע צו דיין וויג געגענט.
ער שטרעקט צו דיר אויס זיינע הענט.

אָט שטייט ער, ווי א בוים אין ווינט,
אַריבער וויגל דיינס, מיין קינד.

און וויגט זיין אומרו און פארוויגט.
ס'האָט די נאַכט זיין רו צעפליקט.

ס'האָט די בענקשאַפט און די שרעק
פארטריבן אים פון חלום-ברעג.

און די איינזאַמקייט — א וואַלד —
גייט אים נאָך פאַרשאָטנט קאַלט.

ווי א פויגל אָן א נעסט,
צו א פרעמדער שויב געפּרעסט

שטייט ער אָן דיין וויג געלענדט
מיט זיין בליק צו דיר געווענדט:

ניט שלאָף, מיין קינד, זיי וואַך, זיי וואַך,
צי הערסטו ניט אין טיפער נאַכט

דיין טאַטנס שטיל און דין געוויין,
וואָס רינט — א וואַסער קלאָר און ריין?

עס הערן שאָטנס אויף די ווענט.
עס הערט לבנה-ליכט וואָס ברענט.

און א וואָלקן. און א ווינט.
און אין וויג — זיין איינציק קינד.

נאָר דיין טאַטע — איין-אַליין
הערט שוין ניט זיין שטיל געוויין.

זעט שוין ניט זיין קינד אין וויג
מיט זיין אויסגעלאָשן בליק.

און דיין וויגל אין דער נאַכט
ווי זיין קבר גרויט און וואַכט.

נו, שלאָף זשע איין, מיין קינד, ניט וואַך,
אין פענצטער לעשט זיך אויס די נאַכט.

ווי וואַסער ־ פייגל . . .

ווי וואַסער-פייגל אויף כוואַליעס-שוים,
דיינע ווייסע הענט אויף דעם קלאַוויר:
א גאָלדענע ליכט אין בלויען רוים —
גליט די בענקשאַפט טיף אין מיר.

אַט שפילט פון אונטער דיינע הענט אַ פלייט
און אַט — אַ ים אין שטורעם-ברויז.
אין זילבער-שפיגל פון מיין פרייד
קוקט צער אַריין — אַ רויטע רויז.

דעביוסי׳ס „גאָרטן אונטער רעגן-טריט״
צעבליט זיך זאַנפט אין בלומען-דופט.
אין מיין אוויפגעשפיגלטן געמיט
לבנהס גאָלדענער האָרן רופט.

און אַט: א וואַסערפאַל, וואָס פאַלט
פון שקיעה-בערג אין נאַכט פון טאָל:
בעטהאָווענס אַ סאָנאַטע שאַלט,
און מעכטיק ווי דער טויט — איר קויל.

אַקאָרדן לעשן זיך און ס׳פאַלט
דער לעצטער קלאַנג, ווי רעגן-רויש אין טרוים.
אין מיין בלוט פלימערט דיין געשטאַלט —
אַ גאָלדענע ליכט אין בלויען רוים.

היסטאָריע

דער מדבר שפּרייט זיך אין מיין בלוט,
איך הער דאָס וואָיען פון באַרבאַר,
ווען ס'זינקט זיין שפּיז אין זאַמד און רוט
פאַרלאָזט פון זיין פאַרצערטן האָר.

מיט גוף געלעכערט פון דער שלאַכט,
ער קניט איצט, ווי אַ קעמל קניט,
עס פליסט זיין בלוט און רוישט און קראַכט,
און איבער אים דער אָוונט גליט.

עס שרייט קאַרטאַגע אין מיר ווילד
מיט אירע טעמפּלען — ליכט-צעשטראַלט,
ווען איר נצחון-פרייד צעשפּילט
איבער טעראַסן ראָלט און שאַלט.

אָט הער איך, ווי עס זיפצט די ערד
פון אונטער אַלעקסאַנדערס טריט:
זיין חיל מיט געשריי און שווערד
דורך אַזיען, ווי א וואָלקן, ציט.

און ס'טרעפט ביינאַכט אין פיבער-טרוים
א דונער-שאַל צו מיר געגענט:
דאָס האָט א קאַטאַפּולט פון רוים
צעשטערט ירושלימס ווענט.

וועכטער אויף דעם מויער

וועכטער אויף דעם מויער, וועכטער אויף דעם מויער,
צי הערסטו ניט פון ווייט דאָס שאַלן פון טרומפּייטן?
דאָס קומט דער שונא אָן פון נאַכט צו רייטן,
דאָס קומט דער טויט מיט טויזנט וועגן
און טראָגט זיין שוואַרצע פאָן דער שטאָט אַנטקעגן.

וועכטער אויף דעם מויער, וועכטער אויף דעם מויער,
צי זעסטו ניט: עס בליצט א וואַלד מיט באַיאָנעטן?
דאָס קומט דער שונא אָן די שטאָט צעטרעטן,
דאָס קומט דער טויט די שטאָט פאַרלענדן
און אירע טעמפּלען מיט פאַרוויסטונג שענדן.

וועכטער אויף דעם מויער, וועכטער אויף דעם מויער,
עס ברענט די שטאָט אין אַלע אירע עקן,
אין שויבן שפּיגלען זיך די שריפות-שרעקן
און אויף די ראָגן פלאַטערן געשרייען:
דאָס קאָרטשעט זיך די שטאָט אין גסיסה-ווייען.

וועכטער אויף דעם מויער, וועכטער אויף דעם מויער,
דיין לעצטע פעסטונג פאַלט שוין אויך צוזאַמען.
פון טיפע גרונטן שפּאַרן רויטע פלאַמען.
אָט זינקט דיין מויער שוין אין פייער-שטראָמען
און ס׳לעשן זיך די שטערן אויס אין הימל-תהומען.

אַ טאָג אַוועקגעשענקט

אַ טאָג אוועקגעשענקט די שטאָלענע מאַשינען
די רוימען טונקעלע, ווי אָונט-וואַלד.
דורך גאַסן-רויש — אַן איינזאַמע געשטאַלט,
ווי אַיילנדיק פון זיך אליין אַנטרינען.

די זון האָט שוין פאַרלאָשן אירע קלאַנגען.
אַן אָפּמארש פון א צאַנקענדיקער שלאַכט.
זיין קאָפּ איז אויפגעשטערנט פון דער נאַכט,
טאָג איז, ווי א וואָלקן, פאַרבייגעגאַנגען.

וואוהין זאָל ער זיין הייסן גוף איצט ווענדן?
זיין היים איז ווייט פון אים. ער איז אַליין.
זאָל ער אַוועקטראָגן זיין בלוט-געוויין
צו פרויען מיט העל-זינגענדיקע לענדן?

פאַררופט אים נאָנטסטער שענק מיט גאָלד אויף שויבן.
האַלזט ער היים זיין גלאָז מיט בלייכע הענט.
דער טרויער רינט אַראָפּ פון ווייסע ווענט.
ס'הילכט דער דזשעז אין גרויסן פויק, אין טויבן.

טרינקט ער פיבערדיק זיין שאַרפן וויין, זיין קלאָרן.
אָ, שפּיל, פאַרגענגלעכקייט, אָ, זינג מיר, טויט.
די תליה פון די שטערן-שטריק איז גרייט.
עס ברענט זיין קאָפּ — אַ פלאַקערדיקער דאָרן.

שפּאַנט ער שוין אַהיים אין לבנה-ליכט אין פולן.
גוט נאַכט! — גיט ער צו זיך אליין א זאָג.
צעליינט זיך פריער שיין פון ערב-טאָג
אויף זיין גרויען פּנים, אויף זיין דולן.

אַ טאָג אַוועקגעשענקט די שטאָלענע מאַשינען.
די רוימען טונקעלע, ווי אָונט-וואַלד.
דורך גאַסן-רויש — אַן איינזאַמע געשטאַלט.
ווי אַיילנדיק פון זיך אליין אַנטרינען.

אַ קינד בײַ אַ שױפֿענצטער

אַ שױפֿענצטער אין אָװנט ברענט,
אין גרינע פֿײַערן צעבלענדט.

אין שױפֿענצטער אַ פֿול געקלאַנג
פֿון זילבער- און קריסטאַל-געזאַנג.

און פּערל — טרערן פֿאַרגליװערט-קאַלט.
און שפּיגלען װינקען צום אַספֿאַלט.

און בריליאַנטן — בלוט-טראָפּנס פֿריש,
װי אױגן — נאַכט-פֿאַרפֿירעריש.

און אַרום — דער אָװנט בליט
מיט לאָמפּן - פֿײַערן און צװיט.

אַ שױפֿענצטער. און לעבן אים אַ קינד,
אײנזאַם און פֿאַרלאָזן, װי דער װינט.

מיט פּיסלעך דין און בלאַס געזיכט. —
אַ בלום צעטראָטן אין אָװנט-ליכט.

און הונגער אין די װינקלען פֿון זײַן מױל,
און אין די אױגן — צער און גרױל.

און פֿינגער בלאַס און שטום-פֿאַרקלעמט,
װאָס קלאַמערן דעם פֿענצטער-זױם פֿאַרשעמט.

אַ שױפֿענצטער אין אָװנט ברענט,
אין גרינע פֿײַערן צעבלענדט.

כ׳בין דער שטיין

כ׳בין דער שטיין אין אייערע שויבן-שפּיגלען,
די טונקעלע וואָרנונג אויף אייערע ווענט:
ביינאַכט הינטער אייערע ליכטיקע פענצטער
הייב איך, ווי העק, מיינע שטייפע הענט.

ניט מיינט: אייך צו באַזינגען
איז באַשאַפן מיין גילדערנע האַרף.
מיין וואָרט, צאַרט, ווי א ווערבע,
קען אויך ווי א שווערד זיין שאַרף.

ניט מיינט: אין אייביקן גלייכגילט
פאַרבייגיין אייך וועל איך קאַלט:
און אייביק אין אייערע היימען
ארומבלאָנזשען — אַן עכאָ אין וואַלד.

כ׳וועק דעם שטורעם פון זיינע נעסטן
און פיר אים ביז צו אייער שוועל:
און זע ווי די פלאַם פון מרידה
פלאַקערט אין אייערע פענצטער העל.

ברודער

וויקל דיינע הענט אין פויסטן, ברודער,
שליידער זיי אין וועלט־געזיכט;
שפּאַלט, ווי אַ פעלז, די נאַכט, די בלינדע
און זאָל אַ קוואַל־טאָג ליכט.

טראָגסט אַליין נאָך אַ מידער דיין קאָפּ, דיין שווערן,
טרוימסט אַליין נאָך פון דער בלויער קעניגרייך;
און איבער דיר גליט דער טונקעלער אַש פון די שטערן,
און אונטער דיר שווימט די ערד, ווי אַ טייך.

טו אויס פון זיך, ווי א זאַק, דיין טרויער,
צעשפּאַן דיין אומרו, ווי אַ צעצוימטן פערד.
זאָל דיין שטים, ווי אַ שטיין, טרעפן אין הימל־טויער
און, ווי א שווערד, צעלעכערן דאָס האַרץ פון דער ערד.

ערגעץ וואַרטן שטעט אין שטומען הונגער
אויפן אָנקום פון דיינע אויסלייזנדיקע הענט.
טאָ ברעך דיין לעבן, ווי אַ שטרוי אין פלאַמען־צינגער,
און צעאַש אים, ווי אַ שטויב, אויף דיינע ווענט.

און, ווי ס׳פּאָרט זיך דער ווינט מיט שטילע וועלדער,
באַהעפט דיין ווייטיק מיטן צער פון דער וועלט;
פאַרברידער דיין וואָרט מיטן האַרץ פון עלנדן,
ווי עס ברידערט זיך דער פרילינג מיטן פעלד.

וויקל דיינע הענט אין פויסטן, ברודער,
שליידער זיי אין וועלט־געזיכט;
שפּאַלט, ווי אַ פעלז, די נאַכט, די בלינדע
און זאָל אַ קוואַל־טאָג ליכט.

ניט קלאַנג פון ביראַנס „יידישע געזאַנגען"

א

ניט קלאַנג פון ביראַנס „יידישע געזאַנגען",
ניט פון היינעס „צפון-ים" דער דונער שאַל:
מיין טאַטנס קול — דאָס קול פון א וואסערפאַל
איז היינט אין טיפער נאכט צו מיר דערגאַנגען.

אויף טייכן פון בבל און אַלטער קלאַגן —
ווי א ווינט אין א הייל — פלאַטערט צווישן ווענט.
ווי ווייסע בליצן — צוויי בלאַסע, דינע הענט
דעם ווייטן יאָמער-קול צו מיר דערטראָגן.

מיין טאַטע זיצט אצינד אין צווייטן חדר
געבויגן איבערן תהילים אין זיין האַנט,
ווי איבער אַ פעלזיק-שאַרפן אָפגרונט-ראַנד.

עס ברענען אויף זיין גוף די אַלטע קליידער.
און זיינע אויגן ווי שטורקאַצן צוויי
טראָגן זיך אין נאַכט און חושך מיט געשריי.

ב

אויף אַלע ווענט די האַלבנאכט-שטילקייט הענגט,
ווי בילדער פון פארשטאָרבענע. נאָר קלאַנג
פון אַלטן זייגערס טרויעריקן גאַנג
דעם אָטעם פון דער וועלט צו מיר ער ברענגט.

אין אזא נאַכט ביסטו אוועק פון מיר.
אין ווינטער-דרויסן, אין לבנה-ליכט,
אַ קער געטאָן האָסטו דיין געזיכט
צום לעצטן מאָל צו דער פארמאַכטער טיר.

אויף אייביק שוין — פון דאַן — בין איך אליין
אויף אַיעדן וועג, אין אַיעדן לאַנד,
אויף חלום-באַרג-שפּיץ און ביים יאוש-ראַנד,

אין מאָרגן-ברוך, אין שעה פון זון-פאַרגיין.
דער גרויל, דער טיפער פון דיין לעצטער נאַכט,
אין נעסטן פון מיין בלוט ער וואוינט און וואַכט.

ג

אַ, בייראָן! שטאָלצער אַלבאַטראָס אויף ווילדע יאַמען,
דיין ליד גייט דורך מיין בלוט, ווי ווינט איבער אַ פּליין;
נאָר טיפער גראָבט אין מיר מיין טאַטנס אַלט געוויין
און פרעסט מיין הויט און פליש, ווי רויטע פייער-פלאַמען.

מיין טאַטנס אַלט געוויין, געוויין פון אונדזער ראַסע
קלאַגט טיף אין מיין געהער אין שלאָף-פאַרלאָזטע נעכט.
אַזוי-אָ קלאַגט אַן אַלטער טעמפּל, ווילד פאַרשוועכט
פון הענט רויבגיריקע פון אַ באַרבאַרן-מאַסע.

אַ, דור נאָך דור קומט אָן און דור נאָך דור פאַרגייט.
עס לעשט דער שטראָם פון צייט די פלאַם פון יוגנט-פרייד.
און ווידער שיינט זי אויף — אויפסניי מיט יונגער מאַכט.

נאָר, ווי אַ וואָלף אָן איינזאַמער אין שטערן-שיין,
וואָס וואָיעט זיין געוויין אין האַרץ פון סטעפּ אַריין,
מיין טאַטנס אַלטער קלאַג — ער וואָיעט אין מיין נאַכט.

ד

אַ, ווי בלוטיק-רויט די זון איז דאַן פאַרגאַנגען.
ביימער האָבן געוועלקט אין רויטן שקיעה-שיין.
דו האָסט מיר פאַר מיין האַנט געפירט גאַס-אויס, גאַס-איין.
ביז מיר זיינען צו אַן אַלטער שול דערגאַנגען.

די טיפע שעה פון מנחה האָט שוין געשלאָגן.
און פון די שאָטנס אויף די אַלטע טרויער-ווענט,
און פון די פענצטער אינם שקיעה-ליכט, וואָס ברענט,
אַ פאַרשטיקט געוויין האָט זיך צו מיר דערטראָגן.

אַזוי-אָ קלאָגט אַ טויב אין אַ וויסטן טעמפּל.
ס'קלאָגט אַזוי אַ שאָטן פון אַ יאָרצייט-לעמפּל
אויף אַ לעבן, וואָס איז יונגערהייט פאַרשניטן.

ס'האָט דיין שטרענגע האַנט באַרירט מיין האַנט אין פיבער.
כ'האָב דערשפּירט: דיין גורל גיסט זיך אין מיר איבער.
ס'איז די נאַכט דאַן אויף אַ וואָלקן אָנגעריטן.

ה

אָ, זינג מיר, היינע, דיין ים-געזאַנג!
און זאָלן כוואַליעס שוימען, שווינגען,
און, ווי די וואַסער-גלאָקן, קלינגען
אויף זון און יומטוב אין וועלטן-גאַנג.

כ׳ליב דעם ים אויף זיינע תהומען,
כ׳הער אָפט זיין רוף אין פאַל פון רעגן,
אין ביימער-רויש ביי וואַסער-ברעגן,
אין שטים פון בלוט, וואָס יאָגט אין שטראָמען.

דאָך מיין ים איז ניט דער פון צפון,
וואָס קלאַפּט מיט פליגל פריי און אָפן
דעם בלויען האָריזאָנט אַנטקעגן.

דאָך מיין ים איז, וואו ס׳קרייצן שיפן
דעם צער דעם אייביקן און טיפן
פון פאָלק מיינעם אויף וועלטן-וועגן.

ו

דאָס ברונעם-אויג פון שפיגל איז היינט וואַך,
ווי א טייך אונטער צעשטערטע בריקן.
וויפל דורות טרויעריקע בליקן
עס קוקן איצט ארוים פון שפיגל-פלאַך!

אָ, דו שפיגל-שויב, בלאָס, ווי א געזיכט,
היטער פון מיין נאַכט און פון מיין טרויער:
ביסט אין פינצטערניש דער ווייסער טויער,
וואו ס׳וואַכט און וואַרט דאָס פרייע מאָרגנליכט.

ווי שאָול אין עין - דור — איך קום צו דיר,
אָ, שפיגל-האַריץ, אין שוואַרצער, שטומער נאַכט,
ווען שלאָף מיינער אין תהומות קראַכט.

איך צינד צוויי ליכט אָן ביי דיין זילבער-טיר.
און ווי די ביימער-שאָטנס אין א וואַלד,
נעמען שלייכן שטיל געשטאַלטן — גרוי און אַלט.

ז

אָ, דאָס ביסטו, דו איינציק פֿאָלק אין וועלט פֿאַריאָגט —
אַ שאָף אין בייזן, הונגעריקן וואָלפֿן-נעסט.
דער שווערער יאָך פֿון נויט דיין לייב אַלץ שאַרפֿער פּרעסט
און בייגט דיין אַלטן-שטאָם אונטער דער האַנט, וואָס פּלאָגט

פֿון דורות אור-אַלטע, פֿון טיפֿער, ווייטער צייט
אויף דיינע וועלטן-וועגן גייט דיר נאָך געוויין.
דו קלאָגסט, ווי אויף אַ קבר, עלנט און אליין,
אין שוואַרצע, שטומע נעכט — אויף דיין פֿאַרגאַנגענהייט.

די פֿעלקער פֿון דער וועלט — זיי שענקען דיר בלויז האַס,
פֿאַרברענען דיר דיין שטוב, ווארפֿן דיך אויף דער גאַס
פֿאַר די פֿייגל פֿון הימל און חיות פֿון פֿעלד.

נאָר אויך דו טראָגסט זיי אַנטקעגן, מיין שטאָלצער שטאָם,
דיין האַס דיין אייביקן — אַ פֿאַנצער און אַ צאַם
אויף דיר און צווישן דיר און בלוט-גיריקער וועלט.

ח

אָ, וואו זייט איר איצט, מיינע יונגע ברידער?
רולאָזע נשמות איבער וועלט צעשפּרייט.
פֿאַרלאָזן איז די נעסט פֿון דער קינדהייט-פֿרייד.
ס'האָט ווינט פֿארטראָגן ווו די יוגנט-לידער.

מיט דעם טאָטנס שקיעה דער וועלט אַנטקעגן,
אין טרויער, ווי אין אַ טלית איינגעהילט,
הענגען אייערע פֿידלען שטום-אויסגעשפּילט
אויף די ווערבע-קרוינען ביי טייכן-ברעגן.

נאָר אין די בלוטן — גליענדיקער צאָרן,
ער שאַלט און רופֿט, ווי אַ מלחמה-האָרן
און לייטערט אייער מוט, ווי פֿייער — אייזן.

און ווען דער מאָרגן, ווי אַ שווערד, וועט שפּאַלטן
די שוואַרצע וואָלקן-וואַנט, אין נאַכט באַהאַלטן,
וועט אייער צאָרן פֿאַר דער וועלט זיך ווייזן!

קולות פון דער ווייט

פינצטער איז דער געשריי פון די פייגל פאַרטאָג,
ווען די ערד איז איינזאַם, איינזאַמער פון אַלע איינזאַמע
און זי איז פּנימלאָז און פול מיט כאַאָס
און איבער איר צוקאָפּנס זויגן זיך איין אין בלויען, סופלאָזן רוים
די ווייטע, פאַרלוירענע שטערן
און די לבנה צערינט אויף די הויכע, עלנטע הימל-פעלדער.

פינצטער איז דער געשריי פון די פייגל פאַרטאָג.
די איינציקע זיינען זיי — וועמעס גורל ס׳איז
אין אָט דער שעה, דער איינזאַמער פון אַלע איינזאַמע,
צו וועקן די ערד און צו רופן זי,
צו היטן זי און זי צו מונטערן,
און אָנקלאַפּן זייער געשריי דעם פינצטערן
אָן אַלע לאָדנס און אָן אַלע פענצטער
און לאָזן אויפרופן די שעה פון ערב-טאָג,
די שעה,
וואָס איז איינזאַמער פון אַלע איינזאַמע.

נאָר פלוצלונג פאַרשווינדן זיי, די פייגלשע געשרייען.
עפּעס ניי און עפּעס אומקלאָר נעמט זיך שפּירן אינדערלופטן.
ווינטן פריש-געבוירענע נעמען ווייען, ווייען — —
דער טונקעלער, דער אייזן-קאָליריקער וואַסער נעמט זיך בייטן.
די פאַרב פון הימל גיסט זיך איבער.
ס׳פאַרשמעקט מיט ש ש ת י מ י - ב ר א ש י ת.
און ס׳פאַרשווינדן פלוצלונג די פינצטערע, די פייגלשע געשרייען.
און ניט צו זען און ניט צו הערן
און ניט צו אויפנעמען מיט די חושים,
נעמט זיך וועבן אינדערלופטן
סיי פון הימל און סיי פון דר׳ערד.

סיי פון וואַלד און סיי פון וואַסער,
סיי פון ישוב און סיי פון שליאַך,
און ניט נאָר פון מזרח-זייט,
נאָר אויך פון מערב-זייט,
נעמט זיך וועבן, וועבן, וועבן
אַן אַש-גרויע,
אַן אומקלאָרע
ליכט —
דאָס ליכט דאָס יונגע פון באַגינען!

אָ, דאָס איז דאָך דאָס ליכט פון דער וועלט,
דאָס ליכט דאָס גרויסע פון דער גרויסער וועלט,
דאָס ליכט, וואָס ווערט ערשט געבוירן
און וועט אויפוואַקסן גרויס און שטאַרק
און מאַכן צערינען די פינצטערקייט פון פייגלשע געשרייען
און מאַכן צעווייען דעם תוהו פון דער וועלט
און שענקען אַ פנים דער פנימלאָזער ערד,
און אָנגיסן מיט קראַפט און מיט װוּנדער
דעם בוים און דאָס גראָז און דעם שטיין;
און מאַכן רוישן די קעפ פון יונגע וועלדער,
און אַ פלייץ טאָן איבער אַלע וואַלד-וועגן
ביז די ברעגעס פון הייזעלעך און פון געצעלטן
און אָפּשלאָגן מיט ליכטיקייט פון מענטשישע, פרימאָרגיקע געשרייען
און אַרויסלויכטן פון קינדישע, פון ווייכע אויגן
און מאַכן געבוירן דעם גרויסן, העלן וואונדער,
דעם וואונדער פון דער וועלט, וואָס רופט זיך:
לעבן!

און פייגל נייע קומען אָן. מיט נייע געשרייען קומען זיי.
און אויף די פליגלען טראָגן זיי

דאָס ליכט דאָס גרויסע פון דער גרויסער וועלט,
די גילדערנע בשורה פאַר דער ווייסער וועלט,
אַז אויפגעגאַנגען, ווי א געזאַנג, איז זי,
די מוטער פון דער וועלט,
די מוטער פון ליכט און פון לעבן — —
די זון.

ווי אַ פייערדיקער רייף פון איין זייט הימל צום צווייטן,
ווי אַ גילדערן-טרויערדיקע בריק פון איין וועלט אין צווייטער,
ווי אַ ליכט-קוואַל, וואָס רוישט מיט וואונדער.

און די זון איז געבוירן. און די זון איז דאָ.
און דער טאָג איז געבוירן, און דער טאָג איז דאָ.

און ווען דער טאָג איז געבוירן און ער איז דאָ,
פאַרלאָז איך דאָס שטיבל ביים ברעג פון וואַלד,
דאָס שטיבל, וואָס שטייט נאָך אין טונקלקייט
און עטעמט נאָך מיט חשכות און מיט נאַכטיקייט,
און מיט די וואַלד-וועגן די גרין-גראָזיקע
לויף איך אין סאַמע האַרץ פון וואַלד אַריין.

ס'איז איצט רייפער זומער אויף דער וועלט.
אָ, ווי גוט עס איז צו טראָגן אַצינד
די פאַרב פון זומער אויף מיינע הענט!

דער ריח פון זומער איז שטאַרק און קאָלירנדיק
און דרינגט אַדורך די אָדערן פון יעדן בוים און מענטש,
און שפילט לויטער-העל אויף די צווייגנבלעטער
און בליט גרין און וויים אויף די וואַלד-לאָנקעס
און מאַכט ווייך און שטראַלנדיק אַיעדן שטויב און שטיין
און לאָזט אויפוואַקסן אין דיר
דעם גלויבן

און די האָפענונג,
און דעם וואונדער פון דער וועלט.

וואַלד מיינער. וואַלד מיינער.
וואַלד אין מיין לעבן. טיף־גרינער וואַלד אין מיין לעבן.
איך לויף צו דיר מיט מיין לעצטן אָטעם
און מיין טראָט קושט אין היילקייט דיין גראָזיקן זוים.
צווישן דיינע ווענט ווער איך געשטאַרקט
און מיין יונגער לעבן ווערט ייִנגער און וואונדערלעכער.
אין דיין רויש דערהער איך די טריט פון זומער און פון וואַקסן.
מיט זיכערקייט פאַרזוכט מיין טראָט דעם טעם פון דיין באָדן.
כ׳לאָז מיינע אַלע חושים אויסלעבן אין דיר ווילד און אָפן.
מיין טאָג ווערט יומטוב.
און אַלע הייליקע שעהן פון מיין לעבן
וועקן־זיך, וועקן־זיך,
און ווי ווייסע פייגל,
זוכן זיי אָפּ די נעסטן פון מיין גוף.

מיינע אויגן ווערן שיכור פון ליכט און פון זון
און דער שאָטן־שפּיל פון גאָלד און גרין
פילט אָן מיין האַרץ מיט געהיימעניש און מיסטעריע.
מיין בלוט קריגט לשון,
און כ׳פאַרנעם די שפּראַך זיינע:
פון וואַסערן אין האַרבסטיקע פאַרנאַכטן,
פון קאָרנפעלדער אין זומער־אינדערפריען,
פון איינזאַמקייט צווישןביימער־רייען,
פון שטערן בלאָנדזשענדיקע אויף ווייטע הימלען.

ניט אַצינד האָב איך דיך דערקענט, וואַלד.
דו האָסט טיף אין מיר געערדט נאָך דאַן,
אין מיין סאַמע קינדהייט,

אין האַרץ פון מיינע חלומות.
ס׳האָט דיין אָטעם, ווי אַ ווינט געוואַנדערט דורך מיר,
דעם ריח געבראַכט מיר פון לענדער פרעמדע,
און אין שעהן פון אַליין-זיין,
פון עלנט-זיין און אָפּגעשיידט-זיין
האָבן געגעענט צו מיר דיינע קולות פון דער ווייט
און מיך אַרומגענומען,
ווי אַ וואַסער-רינג —
יבשה-ערד.
שפּאַנענדיק אין דיינע טיפקייטן און ווייטקייטן,
ווערט מיר נאָענט דער רוף פון דורות פריערדיקע,
וואָס האָבן געבענקט נאָך דיר טיף און אייביק
און האָבן פאַר מיר געטראָגן אין זייער בלוט
דיין ריח און דיין אָטעם:

ווערט מיר נאָענט דער רוף פון דורות קומענדיקע,
וואָס וועלן עפענען, ווי טויערן, די הערצער פאַר דיר
און, שפּאַנענדיק אין דיינע טיפקייטן און ווייטקייטן,
פאַרדעקן לעצטן שפּור
פון גאַרנדיקן טראָט מיינעם.
מיין לעבן גאַנץ — אַ ציען-זיך צו דיר.
מיין לעבן גאַנץ — אַ הילן-זיך אין דיר.
מיר איז גוט אין דיין אַליינקייט.
מיר איז גוט, ווען דו ביזט מילד
און לאָזט דעם צאַרטן ווינט קרויזן דיינע קרוינבלעטער.
מיר איז גוט, ווען דו ביזט ווילד
און עפנסט אויף, ווי אוצרות, דיינע אַלע גרויזאַמקייטן —
ווען דיין שפּראַך איז דער דונער
און דעם שטורעם הענגסטו אויף פאַר די האָר

אָן די קעפּ פון דיינע מעכטיקע דעמבעס . . .

ווייל ס׳איז דיין מילדקייט, וואָס שפּילט אין מיר.
ווייל ס׳איז דיין ווילדקייט, וואָס שרייט אין מיר.
און ווען דער מאָרגן קומט
און די זון דעקט אויף דיין לייב,
איז דאָס די אָפנקייט אין מיר,
וואָס דערנענטערט מיך צו דיר.

און ווען דער אָוונט הענגט אַראָפּ,
ווי אַ וואָלקן, אויף דיין קאָפּ
און דו שרעקסט בוים און פייגל
מיט שאָטנס און מיט וועלפישע אויגן,
איז דאָס די שרעק אין מיר,
וואָס דערווייטערט מיך פון זיך
און פון דיר.

אָ, קומט צו מיר, שעהן מיינע פון צער און פון פרייד.
קומט צו מיר:
באַגעגענישן און עראינערונגען,
טרעפעניש און צעשיידונגען,
איר אַלע, אַלע,
וואָר איר האָט מיר אויסגעפולט מיין לעבן,
ווי די זון, וואָס פולט אוים די ערד מיט ליכט,
וואָס איר האָט מיך אָפּגעשטויסן און צוגעצויגן,
וואָס איר האָט מיך געלאָזט וויינען פאַר אייך מיט לעצטע טרערן
און פרייען זיך פאַר אייך ביז זעלבסטפאַרגעסן —
קומט צו מיר.
אָט דאָ אין וואַלד וועט איר אַ צווייטן מאָל געבוירן ווערן.
אויפּאָטעמען.
אויפהילן־זיך.

דערקענען-זיך.
קומט צו מיר. ווייל כ'נייטיק זיך אין אייך.
כל-זמן איך היים איך און איר — איר.
כל-זמן ס'לעבט נאָך וואַלד אין מיר.
כל-זמן דער זומער איז גרוים און רייף,
די וויזיע פון וואַלד אין ווינט איז ברייט און ווילד
און די וועלט בויט איר נעסט אויף א גרינעם בלאַט
און אין אַ טראָפּן טוי,
וואָס בליצט מיט פייער, ווי אַ סמאַראַגד . . .
אָ, קום צו מיר
דו,
וואָס איך טראָג אַוועק פון דיר
דעם ריח פון דיין ליבשאַפט אויף מיינע הענט.
דעם ריח פון דיין לייב און פון דיין יוגנט.
דעם ריח פון דיינע חלומות,
וואָס וואָרצלען טיף אין מיר
און וואָס דערפרייען מיך אין מיינע נאַכטיקע שעהן.

דו,
וואָס האָסט זיך אַריינגעשניטן אין מיר
טונקל און בליציק,
ווי אַ שטערן אין דער נאַכט אַריין,
אומהיימלעך און נאָענט,
ווי קילער לבנה-שיין אין ברונעם-רינג,
וואָס איך שפיר דיך מיט אויפגעעפנט, אויפגעשניטענע חושים,
ווי דאָס ווילדע פעלד-געזאַנג פון רעגן אין האַלבער נאַכט,
וואָס איך פיל דעם טעם פון דיין פרייד,
ווי מאַרגן-זון אויף מיינע ליפּן,
וואָס איך שמעק אַראָפּ פון דיינע יונגע הענט

דעם גערוך פון גאָט — דיין באַשעפער,
פון וואַלד און ווינט — דיינע ברידער — —
קום צו מיר!
מיין בלוט לאַכט אַנטקעגן דיינע טריט.
דאָ זיינען מיר גאַנץ.
דאָ זיינען מיר ביידע.

דער וואַלד איז אונדזער היים.
דער פּאָטערלעכער הימל איבער אונדז.
און די מוטער ערד לויפט אונדז אַנטקעגן.

ווייט-דאָרט אין זיין זאַמדיקער בעט ליגט דער טייך.
פון צווישן די ביימער קומט זיין רויש.
דאָס קלינגען זיינע כוואַליעס אין ווינט.
און דער ווינט שפּילט אין דיינע האָר
און אין די פאַלדן פון דיין קלייד.

ב׳הער ווי דאָס לעבן רופט ארויס
מיט טויזנט קולות פון דיין לייב.

מיר טוליען זיך, ווי צוויי בלעטער אויף אַ בוים.
מיר שטייען פאַרכטיק און וואונדערלעך איינס אַנטקעגן אַנדערן.
אונדזערע יאָרן באַגעגענען זיך,
נעמען זיך צוזאַמען,
ווי שעפעלעך אונטער אַ באַרג.
מיר טוען זיך אוים פון זיך אַליין,
מיר ווערן דערהייבן אין אונדזער נאַקעטקייט.
נאַקעט אין אונדזער דערהייבנקייט.
אַלע טונקלקייטן, וואָס רינגלען דיך אַרום,
קרייזן זיך, ווי נעפּלען, אַרום דיין קאָפּ
און פאַרשטעלן אָפט דיך פון מיין אויג —
צערינען.

כ׳נעם אַריינקוקן אין דיר און דיך דערקענען.
כ׳עפן זיך אַליין פאַר דיר, ווי אַ בלום פאַר טאָג,
וואָס עפנט אירע בעכערלעך פאַרן גילדערנעם וויין פון דער זון.
מיין אויג באָדט זיך אין ליכט פון דיין אויג
און מיין בלוט פאַרצווייגט זיך
און בליצט אויף מיטן קאָליר פון דיין בלוט.

און מיר דערקענען-זיך.
און מיר געפינען זיך.

שוין אויף אייביק,
אויף אייביק,
אויף אייביק.

ווינטיקער טאָג היינט אין וואַלד.
יעדער בוים האָט אויפגעאָטעמט, אויפגעווינטיקט, אויפגערוישט.
דערציטערטע וויגן זיך די גראָזן צופוסנס הויכע סאָסנעס.
די אַלטע יעגלע איז אומרואיק.
אירע קאָלטענעס שמעקן מיט נאַכט.
ווינטיקער טאָג היינט אין וואַלד.

די ווייסע לייבער פון בעריאָזעס קאָרטשען זיך און שוידערן.
פחדימדיק שרייען די פייגל.
דער וואַלד ווערט אַנדערש.
נייע געגנטן עפענען זיך פאַרן אויג,
אומרואיק איז מיין טראָט אין וואַלד-געפלעכט.
די צווייגן-נעצן ציטערן און וויגן-זיך.
די זון איז געפאַנגען אין מאַטע וואָלקנשלייערן.
ס׳ווערט טונקל און שטיל.
נאָר פלוצלונג
עפנט זיך אַ בליץ,
ווי אַן אויג אַ ליכטיקע און אַ פאַרהוילענע.

ווי א גאָלדערנער לאָדן ביינאַכט.

דער רעגן הענגט איבערן קאָפּ.
א רגע נאָר
און ער נידערט פון די הימל-טרעפּ
אַראָפּ.
און וואַלד איז ווינטיק. און וואַלד איז אומרואיק.
און אין אַזאַ-אָ טאָג איז מיר באַנג, באַנג.
און נאָנט ווערט מיר דער שווידערלעכער קלאַנג
פון בעריאָזעס איינזאַמע אויף ווייטע וואַלד-לאַנקעס.
און נאָנט ווערט מיר אָט דער אומרו, וואָס ציט
דורך יעדן בוים און יעדן גראָז.

ווייל דורך די ביימער-רייען, ווי דורך אָפענע שפּיגלען,
דערזע איך מיין לעבן, וואָס איז אומקלאָר
און מיין טאָג דעם מאָרגנדיקן,
וואָס אין זיינע פאַלדן ברענגט ער מיר ניט קיין באַשייד.

ווייל דורך די ביימער-רייען, ווי דורך אָפענע שפּיגלען,
דערזע איך מיטאַמאָל אין העלער אַנטפּלעקונג
דאָס לעבן פון מיר און דיר
און פון די אַלע,
אַנגעהעריקע אָן מיין שטאַם און אָן מיין בלוט,
וואָס האָבן, ווי מיינע אבות, געלאָזט ברענען אויף זייערע הענט,
ווי דער דאָרן אין הייליקן פלאַם,
די שאַרפע בענקשאַפט נאָך וואַלד.
און דער וואַלד האָט גערעדט צו זיי מיט דער שפּראַך פון דונער
און מיט דעם דראָענדיקן לשון פון שטורעם ערב רעגן.

שאַרף, ווי דער בליץ,
עפנט זיך פאַר מיר דער גאַנג פון מיינע **אבות**.

ווי וואָלקנס וואָס **ציען**,

גייען פאַר מיר פאַרביי מײַנע טעג, די ערשטע,
וואָס זײַנען גרוי און אָן זון,
ווי אונדזער האַרבסט.

בלינד האָב איך זיי געזוכט —
אַלע פיר ווענגן פון דער וועלט,
ווי דאָס ווערימל, וואָס גראָבט זיך אין דער ערד
און ווי דער פייגל, וואָס רודערט אין די רוימען,
ביז
כ״האָב דיך דערקענט,
אור-פאָטער, וואַלדיקער מײַנער.

דײַן געשטאַלט, ווי דער הימל,
האָט געניִדערט צו מײַן יונגן קאָפּ,
אַ פינקל געטאָן, ווי אַ ווײַסער שטערן,
וואָס שײַנט מיט רחמים און מיט מזל.

דער ערשטער האָסטו דעם טעם פון דער וועלט
און די זעונג פון גאָט
געלאָזט גליען, ווי אַ פײַער-קויל, אויף מײַן ליפּ.

האָסט אײַנגעוויגט מײַן יוגנט אין דײַנע וואונדער.
אײַנגעוויקלט און אײַנגעוויגט.

און איצט —
ווי נאָענט קומסטו-צו צו מיר,
הייליקער און פשוטער
ב ע ל - ש ם .

דורך די נעכט וואַנדערט צו מיר דײַן קול.
מיר זײַנען דאָך קרובים אין בלוט.
איבער דורות, ווי אויפגעטורעמטע מענטשן-אַקסלען,
קומסטו אַריבער צו מיר.
דײַן הייליקע פשוטקייט רירט מיך

און מאַכט מיך אויפציטערן,
ווי אַ וואַסערל אַ טיפער און אַ קלאָרער,
וואָס רירט אָן דעם גליענדיק־דאָרשטיקן ברעג.

אַצינד זע איך דיך.
כ׳זע ווי דו לויפסט אין וואַלד אַריין:
נאָך באַשייד,
נאָך הייליקן פונק פון זין,
וואָס זאָל אין דיר אויפפלאַמען,
אויפשטערנען און אויפזינגען
און באַזינגען דיין וועג אין לעבן אַריין.

האָסט דעם וואַלד אויף דיינע הענט געטראָגן.
געטראָגן און געבראַכט אים
צו יעדער שטוב, צו יעדן ישוב
און אָנגעקלאַפּט אויף יעדן שוועל:

יידן מיינע,
אָט האָט איר אים, דעם וואַלד.
נעמט אים.
איר גאַרט דאָך נאָך אים.
טיף אין אייך גאַרט ווער דאָך נאָך אים,
דורך נעכט אָנשטערנדיקע, סופּלאָזע,
דורך טעג פון וואַנדער, ענדלאָזע.

ווייל גאָט,
אונדזער פאָטער,
עטעמט דאָך אין אים,
ווייל בראשית,
אונדזער אָנהייב,
קלינגט דאָך אין אים.
און אין זיין יעדן בלאַט.

און אין זיין יעדן גראָז.
און אין יעדן געשריי פון זיינע פייגל.
און אין יעדן וואָרצל,
וואָס שמעקט דעם לייביקן ריח
פון דער מוטער-ערד . . .

און צו די שטיבעלעך די אָרעמע, די אויסגעלאָשענע,
ווו ס׳ווינען די אָרעמע-לייט,
די שטילע למד-וואָוו פון דער וועלט,
האָסטו דיין טרייסט, ווי אַ ליכט,
אַנטקעגן געטראָגן,
דיין טרייסט און דיין משיח-טרוים:

און עס וועט זיין אין איינעם פון די טעג.
און די זון וועט שאַלן אין איר גאָלדענעם האָרן.
און אַלע היגלען וועלן טאַנצן.
און די כוואַליעס פון ים וועלן זאָגן שירה.
און איבער דער ערד וועט פלאַטערן די קלייד פון דערלייזער
און דיין וויסן וועט זיך אויסשפרייטן,
ווי אַ קוואַל
איבער אַלע ערד-פלאַכן — — —

און דו האָסט מיט דיין וועגעלע ליים
אויך גאָלד פון פרייד
פון די בערג געפירט.
גאָלד פון פרייד
פאַרן פיין פון די עלנטע
און די דערשלאָגענע,
וואָס בייגן די קעפּ צו דער ערד-צו
און טראָגן יסורים
שטילערהייט. — — —

און ווען דיין לעבן האָט אויסגעברענט, אויסגעברענט,
האָט וואַלד פאַרווינגט דיך אויף זיינע הענט . . .
איצט לויף איך אין וואַלד אריין.
איך נאָך דיר געקומענער.
אַנדערשער.
מיט ווענן און מיט שטעגן אַנדערע.
איך לויף.
איך לויף.
און פאַרוים פון מיר דיין שאָטן אויף מיין וועג,
דיין גלויבן, ווי אַ פייער-זייל, אויף מיין וועג.
כ׳זוך אויך אין וואַלד באַשייד.
און פרייד.
און זין.
ניט נאָר פאַר זיך.
פאַר דיר.
פאַר יענעם.
פאַר אייך אַלעמען.

צו ווער דער וואַלד רעדט מיט דער שפּראַך פון דונער
און מיטן דראָענדיקן שטורעם ערב רעגן.

און אָט ביזטו.
קומסט צו נאָנט צו מיר.
כ׳הער דעם אָטעם פון דיינע טריט
פון צווישן די ביימער-רייען —
טאַטע מיינער.

אַזוי יונג,
אַזוי יונג אַוועק פון מיר.
אַזוי יונג,
אַזוי יונג מיך געלאָזן אַליין.

אויף אַלע וועגן פון דער וועלט אַליין.
נאָכצושפּירן נאָך די שטערן און נאָך די ווינטן
דעם וועג דעם איינזאַמען
אין לעבן מיינעם.

ווי דורך אַ חלום,
וואָס רייסט מיך אָפּ פון די וואָרצלען פון דער ערד
און עפנט פאַר מיר אַלע הויכע, העלע הימלען,
זע איך דיך.

עדות לעצטער
פון דער גרויסער ליכטיקייט פון מיין היים
אין יענע טעג.
ווען יומטובים אין ווייסע ליכט-פלעמלעך אָנגעטאָן
האָבן געקלונגען אויפן אָרעמען טיש
און שיינענדיק געבליט אויפן שוועל.

מיט געזאַנג האָסטו אויסגעלאָזט דיינע לעצטע טעג.
און אין די נעכט, פאַרן הויכן מאַטן פענצטער,
ווען ס׳האָט לבנה, ווי קילער שניי,
געלויכטן אויף דיינע הענט,
האָסטו געדאַוונט און געלויבט
מיט די שאָטנס אויף די ווענט.

און גאָט האָט זיין פּנים
צו דיין פּנים געווענדט.

און פון אַלע פיר ווינקעלעך
און פון אַלע פיר ווענט —
אַראָפּגעשיינט צו דיר,
אַראָפּגערעדט.

און אַצינד, ווען מיין היים איז אַ שערבל אין זאַמד,
און די קינדער דיינע, ווי די פייגל,

וואַנדערן, וואַנדערן מיט אַלע ווינטן,
און איך נאָר איינער, נאָר איינער
היט, ווי ביינאַכטיקער שומר,
דעם טרויער פון מיין היים
און פון מיין מאַמעס טרערן, —
קלינגט נאָך אָפּ אין מיר
אין אַ שעה פון זון־פאַרגיין,
ווען ס׳שפּאַרט פון די פענצטער
ווי פון פאַרנאַכטיקע אויגן
טאָג׳ס לעצטער, בלוטיקער געוויין, —
דיין קלאַנג אין מיר . . .

כ׳זע דיך זיצן איינגעבויגן אויף אַ ספר
אוראַלט, ווי די ערד.
די לבנה איבער דיין קאָפּ, ווי אַ ליכט, וואָס ברענט.
און ווי די שטים פון ים,
וואָס קלינגט אין אַלע וויסטע היילן פון דער ערד
און גרייכט פון איין ברעג וועלט צום צווייטן:
אייביק,
פעלזיק,
פאַרבראשיתדיק
אין דיין געזאַנג!

געזאַנג איז דאָך דער לייטער,
וואָס פירט
שטאַפּל
נאָך
שטאַפּל
צו אים:
דעם האַר פון לעבן!

אַז וואויל איז צו דיר,
וואָס דיין ווײ איז אויך געווען גאַנץ,
וואָס דו האָסט יאָ געקענט אים,
דעם האַר פון לעבן.
און איך, זון דיינער,
זוך אים,
זוך אים
און קען אים ניט.

ווייל מיין לעבן איז ווײ.
ווײ פון דורות וויינט אין מיר.
ווײ פון גורל רופט אין מיר.
גורל וויקלט איין מיין ווײ
אין אַלע ווייען פון דער ערד.
און אַלע צערן,
וואָס ברענען וואונדיק, ווי אָוונט-רויט,
אין די אויגן פון דער וועלט,
און אַלע נישט-דערלעבטע לעבנס,
וואָס וואַנדערן, ווי וואָלקנס, אין אונדזערע טעג,
און אַלע פאַרוועלקטע האָפענונגען און חלומות,
ווי בלעטער פאַרשניטענע פון פריען האַרבסט,
און אַלע געשענדעטע גופים און נשמות,
וואָס זיינען הייליק און זייער בלוט איז הייליק,
ווי פאַרמעטן צעריסענע, וואָס לויכטן מיטן פיין פון דורות,
און אַלע געשרייען פון קינדער,
וואָס דער הונגער בענטשט זייערע פרי-געעלטערטע קעפּ
מיט דער ווייסער ברכה פון טויט,
וועמעס הערצער קלאַפּן שוואַך און מיד,
ווי דאָס טיקן פון אַ פייגעלע אין אייזערנעם פויסט,

וועמעס אויגן זיינען קראַנק
און באַהאַלטן זיך אונטער די אויגן-לעדלעך
אין מורא פאַר דער זון,
און אַלע געוויינען פון איינזאַמע ביינאַכט,
וואָס סע הערן זיי נאָר די ווייט-עלנטע שטערן,
און אַלע אויסגעלאָשענע טעג, ווי ליכט פאַרלאָשענע,
אין גרויע תפיסות,
גרוי, ווי דער פאַרטאָג דער לעצטער
פון דעם צו דער תליה-געפירטן;
אין שטייניקע פאַבריקן,
מיט שויבן פאַרגראַטעטע, אויסגעלאָשענע פון זון,
ווי אויגן פון אַ מת פון ליכט;
און אַלע די געפאַלענע, געפאַלענע
און אין זייער געפאַלנקייט דערהייבענע
און צו מיר דערנענטערטע —
קלאַפּן אין טיר פון מיין בלוט,
וועקן מיך,
רופן מיך,
צערייסן דעם דינעם שפּינגעוועבס פון מיין שלאָף,
שטרעקן אויס די הענט צו מיר:
נעם מיך,
האַלדז מיך,
אָטעם אויף מיר,
גיב מיר מיין לעבן דעם נישט-דערלעבטן,
מיין ליכט די פרי-פאַרלאָשענע,
מיין בלוט דאָס אומווערדיק-פאַרגאָסענע,
און זיי אַלע, אַלע
נעסטן אין מיר,
רוישן אין מיר — —

און פאַרוואָס מוז איך צומאַכן די אויגן אצינד?
כ'וויל זיי דאָך אָפּן-האַלטן, אָפּן-האַלטן
און זען דאָס, וואָס גרוילט און שרעקט מיך,
וואָס מיין מוח וויל פאַרגעסן, פאַרגעסן,
וואָס טליעט, ווי אַ פונק, אונטערן אַש פון מיין זיכרון
און רייסט זיך אין אַ פלאַם צו ווערן געבוירן — —

פאַרוואָס מוז איך צומאַכן די אויגן אצינד?

אָבער אַזוי ווי זיי מאַכן זיך צו, די אויגן מיינע,
רייסן זיך פונאַנדער מיינע אויגן די פאַרהוילענע,
די אריינגעוואָקסענע אין מיין לייב אינעווייניק:
עפענען זיך, ווי די אויגן פון דער סאָווע,
וואָס די בלינדע נאַכט מאַכט זיי זעעוודיק
און גיט זיי ליכט און שענקט זיי קראַפט — — —

און דורך די ביימער-רייען, ווי דורך אָפענע שפיגלען,
דערזע איך מיטאַמאָל
פייערנדיק, רויכערנדיק און ברענענדיק,
ווי אָפענע מיילער פון רעוונדיקע וואולקאַנען,
די פלאַקערנדיקע שריפות פון אונדזערע אַלע היימען
אויף גאָר דער וועלט!

אָ, פייער-צייכנס אויפן לייב פון מיין שטאָם,
אויף מיין לייב,
איר שרעקט מיך אין די נעכט.
אין די פענצטער פון מיין אָרעמער היים
קוקט איר אַריין בלוטנדיק, ווי פינצטערע זון-פאַרגאַנגען.

ביינאַכט,
אַ וואַכער אויף מיין געלעגער — ווי אַ שטיין אויף אַ שטיין,
ווען שלאָף אַנטלויפט פון מיר, ווי אַ פויגל פון אַ חרובער נעסט,

שפּיץ איך אָן שאַרף, ווי אַ שווערד, מיין געהער,
מיינע אויגן שפּיזן זיך אַריין אין דער געדיכטער פינצטערניש,
וואָס רינגלט מיך אַרום, ווי אַ שוואַרצער טייך — —
און דורך דער טונקעלער וואַנט פון דער שטילקייט,
וואָס וואַקסט נאָך אָן מאָכיקער און געשוואָלענער
נאָך אַ ווייטן, אומהיימלעכן גלאָקנקלאַנג
פון ערגעץ אַ הויכן, פאַרלאָזענעם קלויסטער —
פאַרנעם איך
פון אַריבער ימים, אוקינוסן, שטעט און לענדער
געוויין און געשריי,

געשריי פון זקנים הייליקע, ווי תּפילות,
וואָס פון זייער לעצטן, מאַטן בליק, ווי לעצטער זון-שטראַל,
קוקט אַרויס ר ח מ י ם מיט טויזנט אויגן:

געשריי פון קינדער, וואָס האָבן נאָך נישט געזינדיקט,
ווען זייער מוטערס מילך פאַרגליווערט, ווי שניי-טראָפּנס,
אויף זייערע טויט-פיבערנדיקע, דינע ליפּן:
געשריי פון הייליקן יונגן געשענדעטן לייב,
וואָס ווערט געפּייניקט,
ווען די נשמה פון דער וועלט, וואָס איז לויטער,
קלאַפּט מיט צעבראָכענע פליגלען אָן אַלע פאַרשלאָסענע טויערן
און גאָט אַליין פאַרשטעלט זיין געזיכט
פון וויי און פון בושה:

געשריי פון ישובימלעך אָרעמע, איינגעזונקענע אין טרויעריקייטן,
לעצטע רעשטלעך פון דורות אַלטע, פאַרוואָרלאָזטע,
וואָס גייען אויף מיט אַ פלאַם-פייער
אין הימל אַרויף:

געשריי פון פאָלק אין זיין אומקום
אין בלוטיקן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט,

וואָס שפּאַנט, ווי דער מיטלאַלטער, פינצטער און גרויס
איבער אַלע גרענעצן פון אונדזער ערד — — —

און מיטאַמאָל — און דורך דער פינצטערניש
די אויגן פון מיין טאַטן גליענדיק און גרויס,
וואָס ריידן הויך צו מיר און ברענען רויט:

אויף אלע וועגן ברענט די וויזיע פון טויט
און וויקלט זיך אין דערנער-קרוין אויפן קאָפּ פון געקרייציקטן,
און קוקט אַרויס פון פענצטער פאַרלאָשענע
פון פעלדישע, שטרוי-געפּאַקטע שטיבלעך,
און באַגלייט, ווי אַ שאָטן, דעם טונקעלן נאַכטוואַנדלער
אויפן ברייטן אומהיימלעכן שליאַך,
און שפּילט אַרויס פון דער בלינדער פידל, אָוונט-צייט,
אין די בלינדע אַלטע הענט פונם בעטלער אין גאַס,
און שרייט ארויס פון יונגן קרעפּטיקן געשריי
פון בלאָנדע, פלאַקס-האָריקע קינדער אין וויג,
וואָס רייסן זיך רציחהדיק צו זייער מוטערס מילך,
און רעדט אַראָפּ פון די הויכע, גלאַטע ווענט
אין העל-באַלויכטענע און שיינענדיקע זאַלן,
וואָס זיינען פול געלעכטער און פרויען-פרייד,
און גאָרגלט הייזעריק מיט טויזנט העלדזער
אויף אַלע ברייטע גאַסן
פון די גרויסע, שיינע שטעט פון דער וועלט
דעם גרויסן וואַנזיניקן געשריי פון אונדזער צייט:
בלוט!
בלוט!
און דער געשריי, ווי אַ טייך גייט אויף דיר, אויף דיר
מיין פאָלק.

איך קוק אַריין אין דיינע קומענדיקע טעג,

ווי אין פאַרנאַכטלעכע, בלוטנדיקע שקיעה־רינגען,
ווי אין אַ טונקעלן, שוואַרצאפּלדיקן ברונעם.

אָ, ווי איך זע אַנטקעגנקומען און אַנטקעגנגיין
דעם יסורים־וועג פון די אַלע, בלוט־אַנגעהעריקע,
איינגעבויגענע, איינגעהאָרבעטע, אויסגעלאָשענע,
וויביימער שטאַמען פון אַן אָפּגעברענטן וואַלד,
מיט שניי אין די אויגן און שרעק אין די בערד,
וואָס יאָגן זיך יאָרטויזנטער נאָך אַ פּיצל ערד אַן אייגנס,
נאָך אַ הימל־זוים אַן אייגענעם,
נאָך אַ היימלעכן שיין פון פאַרנאַכטיקע שטערן
אין אייגענע, מיט רו־פאַרהאַנגענע פענצטער
און האָבן שרעק.
און האָבן טויט.
גורל בינדט זיך־צו צו דיר, מיין פאָלק, ווי אַ שטיין
צום האַלדז פון דעם יאוש־געבונדענעם,
וואָס שפּרינגט דעם ים און דעם טויט אין פּנים אריין.

ווייל יעדער יאָרהונדערט גייט אַדורך,
ווי אַ געוויטער אויף דיין פעלד.
ס׳בלייבט דיר נאָר צו בויען אַ היים
אין אַ ריס אַ תהומיקן פון אַן ערד־ציטערניש.
און אַלע גרענעצן פון אַלע לענדער
צייכנט דאָס בלוט פון דיינע קינדער,
נאָר דו אַליין ווערסט אויסגעלאַכט אין דיין שאַנד,
ווייל אויך די קינדער דיינע, די לעבנגעבליבענע,
אַנטלויפן פון דיר.
ציען זיך, ווי שמעטערלינגען, צום נאַכטישן פייער
פון פרעמדן בלוט, פון בייזן,
נאָר טראָגן דאָך אַוועק אוואו זיי קומען

דיין שאַרפֿן, אייביקן קין-צייכן איינגעקריצט אין שטערן,
און יעדער ווינט הייבט דיך אויף,
און יעדער שטורעם קערט דיך אום
און וואו ס׳פֿאַרגייט דיין נאַכט
דאָרט גייט ניט אויף דיין זון
און האָסט שרעק.
און טויט.

די גרויסע פֿעלקער, וואָס הויערן אויף זייערע גרענעצן,
ווי חיות אין זייערע פֿינצטערע נאָרעס,
האָדעווען אין זיך — צוגלייך מיט זייער שמאַלץ אויפֿן לייב
און מאַרך אין זייערע ביינער —
דעם ווילדן האַס צו דיר און צו דיין שטאַם.

און די קליינע פֿעלקערלעך, צווישן וועלכע מיר וואוינען,
וואָס טוען ניט אָפּ זייער חסד פֿון אונדז
און קוילענען אונדז ניט מיט אַ שטומפּיקן מעסער,
זיינען געזונט, ווי די שטיינער.
די ערד ענטפֿערט אָפּ צום ריטם פֿון זייער טראָט.
און פֿויל, ווי די פּליטן אויף זייערע וואַסערן,
וואַנדערן די געדאַנקען אין זייערע קעפּ.

נאָר ווען ס׳וועט קומען יענער טאָג,
וועלן זיי, ווי די רויב-פֿייגל,
באַפֿאַלן דיינע נעסטן
און הייסן צאָלן דיר פֿאַר יעדן שפּאַן ערד,
וואָס איז זייערס
און פֿאַר יעדן יאָר און דור אויף דער ערד,
וואָס איז זייערס.

אָ, ווי איך ליב ביז טרויעריקייט
דעם פאַרנאַכט אויף אָט דער קליינער, פרעמדער ערד,
וואָס האָט מיך געבוירן,
ווען די שעהן פון פארגאנגענעם טאָג
טוליען זיך צו די נידעריקע גראָזן:
פינקלען טויאיק, גילדערנדיק,
ווי וואַסער-פונקען אין אַ ליכטיקן טייך,
און ס׳וויינט אין מיר די פרייד
פון דער אויסגעזונגענער זון.

אָ, ווי איך ליב ביז טרויעריקייט
דעם שיין פון גילדערנעם האַרבסט אויף די שטיבער-דעכלעך,
וואָס שמעקן מיט דעם רייפן היי,
מיט מיידלשע, פאַרבענקטע לידער
און מיט זאַטן יומטוב.

נאָר ס׳טרעפט
און עלנט, ווי דער איינציקער וואָלקן אין הימל,
פאַרבלייב איך אין פעלד.
די זון גייט אַוועק.
דער אָוונט רינגלט מיך ארום
און נייגט זיינע בענטשנדיקע הענט אויף מיר.
די ערד טונקלט
און מיר איז באַנג
און גוט.
כ׳בין איינגעשטילט און איינגעוויגט.
נאָר דער שאָטן פון מיין שכן,
דעם אַנטקעגנגעקומענעם אויף מיין וועג
שניידט מיך אָפּ פון דער ערד,
פון אונדזער אַלעמענס ערד,

און פון מיין חלום.
און אויף מיין פּנים פּאַלט
דאָס וואָרט:
ייִד!
און דעקט מיך צו, ווי אַ טרויער-קלייד — —
און ס׳טרעפט:
אַ קלאָרע ווינטער-נאַכט.
די שטערן באָדן זיך און בליצן אין בלויען שניי.
ביימער שטייען שטאַר.
דעכלעך אריבער הייזער דרימלען רו.
פון די פענצטער לייכט דער העלער יומטוב.
ס׳שפּאַרט מיט שלווה, זעטיקייט און פרייד.
די גרינע נאָדלען פון די יומטוב-ביימלעך
אין די שטילע, פרעמדע הייזער
צעבליען זיך זאַנפט
און שמעקן מיטן שטאַרקן ריח פון דער ערד.

נאָר שטיבער ייִדישע שטייען אויסגעלאָשן.
די נאַכט שפּאַנט אום צווישן זיי
שאַרף און גרויזאַם, ווי אַ וואָלף,
און קוקט אין די פינצטערע פענצטער,
וואָס זיינען מיט פּחד און פראָסט פאַרקלעפּט,
מיט גרינע, שטערנדיקע אויגן.

און איך אליין וואַנדער אום אין טיפן שניי,
וואָס שרייט אונטער מיין טראָט.
דער הימל, ווי די גרויסע איינזאַמקייט,
שפּרייט זיך איבער מיין קאָפּ.
און וואו איז פרייד? און וואו איז היים?
נאָר גלאָקנקלאַנג אין נעץ פון טריט.

און טרערן אין געהיים.

אָבער די זין פון מיין שטאָם, וואָס זיינען פרעמד צו אונדזער טרויער
און צו אונדזער שיינקייט,
וואָס וויקלען זייערע וואָכעדיקע לייבער אין די רייכע פעלן פון חיות
און קלינגען מיט דעם פרעמדן לשון
און האַנדלען מיט לייב, מיט גאָט, מיט וואָרט —
זיינען, ווי די פליגן אינם שפּינגעוועבס,
איינגעוועבט אין זייער מיאוסקייט — —

זיי לייגן צו דאָס האָלץ צום פייער,
וואָס פאַרלענדט אונדז
און ווערט גרעסער.

און צו קליין איז פאַר זיי די בייטש פון יענעם מאַן
פון מזרח,
וואָס האָט זיך אויף זיי שאַרף און פאַראייננמאָל
פאַרמאָסטן.

און צו די אָרעמע און עלנטע, וואָס פילן נויט,
רייסט זיך מיין וואָרט מיט טרייסט:
ווי אַ רעגנבויגן איבער דער ערד,
שפּרייט זיך מיין לעבן איבער אייך.
אייער שפּלער טאָג איז מיר נאָנט, נאָנט.
אייער לייב דורך צעריסענע קליידער
לויכט ארויס צו מיר,
ווי זון דורך שטיקער נאָכט.
איך פיל אייער שטילן פיין אויף מיינע הענט.

אָ, פיין פון לעבנס-ביי-דער-ערד,
וואָס ווערן געטראָטן —
איך בייג מיין לעבן פאַר דיר,
ווי אָט דער וואַלד,
וואָס בייגט זיך פאַרן שטורעם — — —

אין אַט דעם טאָג דעם ווינטיקן איז מיר באַנג.
דער טרויער רוישט אין מיר, ווי שווערער ווייַן.
כ׳רוף דעם שטורעם,
כ׳טו תפילה צום האָגל.
אָ, קומט אַלע:
שלאַקסן, האָגלס,
דונערן און בליצן —
דעקט צו מיין וואַלד,
דעקט מיך צו.
כ׳וויל אויסלעבן מיין אומרו אין אייך.
כ׳וויל זיין אַליין
אַ שלאָג טאָן, ווי אַ כוואַליע,
צו אלע ברעגעס פון דער וועלט.
אויפשטורעמען,
אויפטרייסלען,
אויפרוישן,
ווי אַ בוים, וואָס ברעכט זיך פונם דונער!

פאַרוואָס בין איך געבענטש — אָ, וואַלד מיינער —
מיט דער מאָדנער ברכה, פול מיט ביטערניש,
שוין קיינמאָל קיין רו ניט געפינען
און שטענדיק זען דאָס, וואָס מען טאָר, אפשר, ניט זען?
און ווי דער אַרעסטאַנט—פון זיין תפיסה-פענצטערל אַרויס
אויף דער פרייער, גרויסער, וואונדערלעכער וועלט,
וואָס שטייט אין זון און אין גערטנער צעבליט —
אַזוי אַ קוק טאָן אויף הייזלעך און געצעלטן,
נעסטן פון רו און פון היימלעכקייט,

וואָס זיינען פֿאַרבאָרגן אין גרינס
אין די ווייטע גאַסן פֿון דער שטויבן-שטאָט,
ביי גרין-דאָרפֿישע בערג-שיפֿועים,
און לויכטן מיט ליכט און מיט פֿרייד
און מיט קינדישן געלעכטער, וואָס איז זאַנפֿט און זיס,
און מיט פֿרויען-הענט, וואָס זיינען יונג און מוטערלעך
און וועבן דעם חלום פֿון שיינקייט אין הויז:
אַ קוק טאָן מיט וואונדער אויף מענטשישע טריט,
וואָס זיינען אַזוי זיכער,
וואָס זיינען אַזוי לייכט,
און גייען שטראַלנדיק דורך זייערע טעג,
ווי דורך גאַסן אָנגעטאָענע אין ליכט:
און אין די אויגן פֿון די קליינע לייט, די איינגעזעסענע,
אָט-די-אָ, וואָס זיינען גייציק און שלעכט
און זייערע הענט זיינען עקלדיק-ווייס און פֿעט
און גייען אין לעבן, ווי אין מאַרק אַריין,
און קויפֿן זיך אַ ווייב, ווי ס׳קויפֿט זיך דער גוי
אַ מציאה איין אויף חגא,
און שפּייען אויף גאָט און אויף מיר,
ווי זיי שפּייען אויף זייער געלט, צום מזל, —
און אין די אויגן פֿון די קליינע לייט אָ-די אָ,
זאָל איך שיסן מיין דינעם דאָרנדיקן גוף,
ווי אַ פֿייל,
און שרעקן זיי מיטן מאָדנעם חלום אין מיינע אויגן
און שפּירן אויף מיין לייב, ווי אַ מיאוס, שמאַטעדיק קלייד
זייער פֿאַראַכטונג,
און טראָגן זיי אַנטקעגן,

ווי אַ פייער וואָס ווערט געטראָגן אין די אָרעמס פון ווינט,
מיין האָס צו זיי, וואָס איז שטאַרק און אייביק
און גיט מיר די קראַפט צו דערהייבן זיך איבער זיי,
און שטענדיק טראָגן מיין לעבן אין די הענט,
ווי אַ פלאַם, וואָס איעדער ווינט קען אים פארלעשן,
און שמעקן הונגעריק נאָכן וואַרעמען ברויט:
און האָרכן תמיד דעם שוואונג פון מיין געדאַנק,
וואָס רייסט זיך פייערדיק און ברענענדיק
פון מיין גוף, וואָס איז שטויב
און וויל פאַר זיך די גרויסע וועלט:
און אין אָנבליק פון אַ ביסל גרינס
אונטער אַ שטאָטישן דאַך
זיך צעוויינען האַרציק און זיס,
ווי אַ קינד:
און שטענדיק פילן דיך,
פילן,
ווי יעדער טאָג, וואָס גייט אַוועק פון מיר,
דערנענטערט מיך צו דיין ברעג,
און אין יעדער רגע, וואָס פאַרשווינדט,
קלאָגסטו אַרוים פון מיר
מיטן געוויין פון אַ קינד —
הייליקער
אויסלייזנדיקער
און שטאַרקער
טויט — — —

דער טאָג פאַרגייט.
און אָוונט קומט אין וואַלד, ווי אין אַ גילדערנעם היכל.
די ביימער לויכטן, ווי ליכט געצונדענע

לכבוד אַ גרויסן יומטוב.
זון-פֿאַרגאַנג אין וואַלד.
הייליק איז די שעה און לויטער.
די זון פֿלעכט זיך אריין אַ לעצטן מאָל אין די צווייגן.
לויכט אַדורך איעדן בלעטל אויפֿן בוים
און שפּילט איר פֿאַרנאַכטנליד
מיט פֿינגער גילדערן-ציטעריקע
אויף די נידעריקע גראָזן.

רואיק ווערט דער וואַלד און פֿאַרכטיק-שטיל.
וועלט האָט זיך אָפּגערוקט.
לעבן האָט זיך אָפּגערוקט.
ווייט.
ווייט.

קולות פֿון דער ווייט שווימען אָן פֿאַרשטילטע,
פֿאַרהילטע אין בלויע, אָוונטיקע שלייערן,

אַ פֿאַרנאַכטיק פֿייגל רופֿט אימעצן,
בענקט נאָך אימעצן
און פֿלאַטערט פֿאַרביי אין דער טונקלקייט.
וואַלד ווערט העכער.
רייסט זיך מיט די ביימער-קרוינען
אין די טונקלדיקע הימלען.
דער טאָג קניפּט זיך צוזאַמען.
לייזט זיך אויף,
ווי אַ טייך.

און מיין לעבן וויקלט זיך איין,
קניט אַנידער צו מיינע פֿיס,
ווי די זון אין מערב-זייט.

כ׳פֿאַרנעם מיין טראָט פֿון וואַלד אַרויס.

אויסגערונען האָט מיין טאָג.
אויף מיינע אויגן-וויעס ציטערט נאָך דער ריטם פון א ליד,
אַ ליד,
וואָס איז געווען,
ווי דאָס ליכט פון דער וועלט אַזוי שיין . . .

וואַלד מיינער,
כ׳נעם דיך מיט,
כ׳טראָג דיך אַוועק אין מיינע נעכט.
אייביק וועט לעבן דיין קלאַנג אין מיר.
די לויטערקייט פון דיינע אינדערפריען,
דער וואונדער פון דיינע פאַרנאַכטן,
דער חלום פון דיינע גראָזן
און פון דיינע פייגל דאָס פליען.
ביז טעג מיינע, ווי די ביימער אויף א וועג,
וועלן זיך אָפּרוקן,
פאַררוישן,
פאַרבליען . . .
וואַלד מיינער.
ס׳גייט שוין אויף דער אָונט-שטערן.
ס׳וואַרט אויף מיר די שטיבל ביים ברעג
אין חשכות און אין נאַכטיקייט.
ס׳קומט די נאכט צוגיין.
די נאַכט וואָס איז גרויס און טיף,
ווי דו.

לאַנג וועסטו ריידן צו מיר
אין מיינע חלומות.

ס׳וועט לבנה עלנטע אַרומבלאָנקען אין דיין געפלעכט,
אַריינקוקן דורך צווייגן-נעצן שטאַר און קאַלט,

און פאנגען מיט די בלייכע, דינע שטראלן-הענט
אַ ווילדן וואָיען —
צי דעם וואָיען פון אַ וואָלף הונגעריק און פריי,
צי דעם וואָיען פון א מענטש, זיין ברודער,
אַ פאַרבלאָנדזשעטער פון נאָנטן ישוב
אַנטקעגן נאַכט און טויט,
צי דעם פחד פונם וואלד אליין,
וואָס שוידערט מיט זיין טונקעלער גריווע, ווי אַ לייב,
אומהיימלעך אין דער נאַכט — — —
און שפּעטער-צו וועל איך שוין ליגן וואַך
און אויפשפּיזן מיין געהער
און פארנעמען דורך די אָפענע פענצטער,
וואָס נעמען בלויען און טאָגן, ווי ווייסע וואסערן —
דעם פינצטערן געשריי פון די פייגל פאַרטאָג,
די איינציקע וועמעס גורל עס איז
צו לאָזן אויפרופן די שעה פון ערב-טאָג,
די שעה,
ווען די ערד איז איינזאַם,
איינזאַמער פון אלע איינזאַמע — — —

גאָלד און בלוט

אויף דיין ערד

א

ס׳איז אומעטיק מיר אויף דיין ערד, אָ, ליטע-לאַנד!
וואו איז דיין פרייד, וואָס זאָל פארלאָקן מיט איר רוף?
דיינע לידער,ווי די פייגל אינם וואַנדער-וועג,
רירן פליענדיק ניט אָן די נעסטן פון מיין גוף.

דיינע פעלדער שטרעקן ניט פאַר מיר אוים זייער ברויט,
און ס׳זינגט ניט צו דיין ערד צום אָטעם פון מיין טראָט;
כ׳בין אויך דער היימלאָזער, וואָס מעסט די לענג און ברייט
פון דיין אומעטיקער, פריש-פאַרבויטער שטאָט.

דיין פרילינג רופט צו מיר ניט מיט זיין יונגן גרין,
דיין זומער גייט פאַר מיר פארביי און שטארבט וואו איין-אליין;
דיין האַרבסט נאָר, ליטע-לאַנד, וואַכט טיף און אָפּן אין מיין בלוט;
דיין האַרבסט נאָר, ליטע-לאַנד, פאַרנעמט דעם שפּראָך פון מיין געוויין.

ב

אין שטילן, פרישן מאָרגנליכט פון האַרבסטיקן באַגינען
מיט לייכטן פייגל-פלי האָט נאַכט איר נעסט פארלאָזט;
פאַר מיינע אויגן קומען דיינע וועגן אָן צושווימען
אין ווייטעניש צעשפּרייטע און מיט האַרבסטיקייט באַגראָזט.

וואו איז די וואַנדער-פרייד, וואָס האָט דאָ אירע טריט געמאָסטן?
וואו איז די זומער-זון,וואָס האָט דאָ שטראַלנדיק געבליט?
עס ציען וואו אין וועלטן-ווייט די פעלד-סטויפעס פאַרלאָזטע,
און שטילער, פרעמדער האַרבסט-עלנט מיט זיי צוגלייך זיך ציט.

און ס׳בייגן הייזלעך פויערשע די קעפּ צום וועג אין אומעט:
די נויט קלאַפּט אָן מיט פינגער ביינערדיק אין שטילער שויב — — —
איז אפשר, אפשר פונדערווייטן וועט אַהער דאָ קומען
מיט העלע פריידן-אָנזאָגן די ווייטע, ווייסע טויב ?

ג.

כ׳האָב דיך ליב, מיין שטילע היימלאנד ליטע,
ווען עס גילדן זיך די טריט פונם סופּזומער . . .
כ׳נעם דיך אויף די הענט מיינע, די מידע,
ווי אַ קראַנקן קינד פאַרוויגן אין מיין אומעט.

דיין העלע זומער־זון, דאָס ליכטיק פייגל,
האָט אין איר גאָלדן שטייגל זיך פאַרשלאָסן . . .
ס׳קוקט דער אָוונט שוין ארוים מיט שטילע אויגן
פון אַיעדן טויען־טרער אויף דיינע גראָזן . . .

און אויף דיין פעלד איך נעם שוין אויף דעם פליסטער
פון די האַרבסט־בלעטער, וואָס ווינטלען דאָ אַרומעט . . .
כ׳האָב דיך ליב, מיין שטילע היימלאַנד ליטע,
ווען עס גילדן זיך די טריט פונם סופּזומער.

ד

העל און ליכטיק וויגט זיך אום באגינען
איבער הויכן באַרג און טיפן טאָל:
ווי פייגעלע אין פעדערלעך אין גרינע
אויסגעפּיקט פון נאַכטיש־בלויען שאָל.

פעלדער שטילע. ווען־נים־ווען אַ רוישן:
ס׳ציטערן די נאָזלעכער פון ווינט . . .
אומעט העלער, ליכטיקער און גרויסער
נעמט מאָט אַזוי ארום דאָס האַרץ און מילד.

ס׳שפּאַנט דער האַרבסט פון בוים צו בוים אין וועלדער
מיט שטילע און מיט באַרוועס־ווייכע טריט:
און מיר אַלע — איינזאַמע און עלנטע —
שפּאַנען מיט אים מיט, שפּאַנען מיט אים מיט . . .

ה

פֿאַרגייסטו שוין, מיין שטילער, מיין גילדערנער זומער,
פֿאַרגיי, פֿארגיי. איך וועל אויך, ווי דו, פֿארגיין.
אין טיפֿער נאַכט, אין שטייג פֿון שאָטנס שטומע
צעעפֿנט גוף מיינער אַלע טויערן פֿון געוויין.

אין טיפֿער נאַכט, אין פֿולן רייף פֿון קומער
פֿאַלן, ווי שטראַלן, די שטערן פֿון הימל אראָפּ.
אָ, דאָס זיינען די זילבערנע האָר פֿונס זומער,
וואָס פֿאַלן שוין אָפּ פֿון זיין יונג-אַלטן קאָפּ.

אָ, דאָס זיינען מיינע טעג פֿון סופֿזומער,
וואָס פֿאַלן, ווי טויבן, אין בלוטיקן ווי . . .
מיינע אַלע ליידן האָבן זיך צוזאַמענגענומען
און שרייען אין גוף מיינעם א גרויס געשריי.

מיינע אַלע ליידן . . . אָ, קינדער פֿון אומעט!
ווער וועט אייך שענקען אַ הארץ אַ ריינס,
ווען ס'וועט פֿאַרגיין מיין גילדערנער זומער
און איך וועל אויך, ווי ער, פֿאַרגיין?

שנײלאַנד

א

עס פאַלט אַ שנײ —
װײסע פױגל אױף די פעלדער . . .
הײ! מיר זענען צװײ דאָ, צװײ!
צװײ דאָ, צװײ אין שטילע שנײען-װעלדער . . .

עס פאַלט אַ שנײ —
אַ ליכטיק מאָרגנשײן אױף װעגן . . .
הײ! מיר שפּאַנען דאָ אין רײ !
דאָ אין רײ אױף העלע זונען-שטעגן . . .

עס פאַלט אַ שנײ —
אַ בלױער חלום אױף פאַרנאַכטן . . .
הײ! לאָז צאַפּלען דײן געשרײ!
דײן געשרײ אין װײט, אין גרױ-פאַרטראַכטן . . .

ב

װעגן װיקלען זיך — װײס-זילבערנע יריעות —
און פאַרװיקלען זיך אַזױ אין װײטער װעלט.
קומען שנײען אָן פון הױכע הימל-לענדער
און צעלײגן זיך, װי טױבן, אױפן פעלד . . .

שעפּ איך פרײד אָן פולע הױפנס פון די פעלדער
און איך לאָז זיך אױפן אױפגעװיקלט װעג.
נעמען זינגען מײנע יונגע, שטאַרקע פוסטריט
און צעיאָגן זיך אין זוניקן געיעג . . .

זע איך טעג מײנע — הױך-אױפגעבליטע בײמער —
שטײן צעװאָקסענע אין װינטער-מאָרגן-קלאַנג.
איבער װײסע, איבער העל-צעבליטע שנײען
טראָגט זיך מונטער װינטערס שטראַליקער געזאַנג . . .

ג

ווי פריש און שמעקעדיק איז דאָ דער אָוונט!
עס שמעקט מיט גרינעם היי דער ווייסער שניי.
ווי סטאַדע שעפעלעך אויף ווייסער פאַשע,
שטיל ציט זיך ווייט אַוועק די שטיבלעך-ריי.

דאָס פעלד אין בלויען ענד איז ברייט און אָפן,
און אויסגעשטראַלט — איר האָריק-ווייסע פעל.
עס בליט די רו דאָ אויף, די רו פון אָוונט
אויף יעדן שפּאַן און טראָט, אויף יעדן שוועל.

דאָס אַלטע קלויסטערל אין נאָענטן געגנט
דערקלינגט שוין שטיל אַזוי זיין שעה — ווי באַנג!
אַ קלייניק שליטעלע שווימט ווייט פאַרביי גיך
און ס׳ציטער לופט מיט זיסן ניקל-קלאַנג.

עס צייכנען פליטן זיך צעקרומט, צעפרעסן
און ווים-פאַרוואָקסענע מיט שנייען-מאָך.
אַן אַלטע, שווארצע ראָב קומט גיך צופליען
און זעצט זיך שווייגנדיק אויף אַלטן-דאַך.

אין ווייסע פענצטערלעך פאַרבלאָנדזשען שטערן
און טישן גרייטן זיך צו מאָלצייט-שעה.
אַ קו צעמרוקעט זיך אין טונקלען שטעלכל
און ווידער שטיל אַזוי, און ווידער שאַ . . .

און גוט איז איצט אַזוי לעם דערפל בלאָנדזשען
אויף פעלדער שנייאיקע — אַליין, אַליין . . .
און פילן ווי דאָס האַרץ ווערט שטיל פאַרפולט שוין
מיט אָוונטיק, מיט שטיל געוויין — — — —

ד

ס׳האָט ווינטער אַ געשריי געטאָן אַ ווייס געשריי . . .
און אין פרייער, ברייטער, העלער וועלט,
איבער באַרג און טאָל און וואַלד און פעלד,
האָט אויפגעבליט דער יונגער, שמעקעדיקער שניי . . .

אין האַרץ אין אָפענעם פאַר שטומען, באַנגן ווײ
האָט שטראַלנדיק און גאָלדיק אויפגעקוועלט
א פרייד א לויטערע, וואָס לויכט און העלט,
און צינדט די רגע׳ס אָן, ווי שטערן אין דער ריי . . .

און אין בלויען, אינם לויטערן באַגין
לאָמיר, פריינט מיינער, אַוועקשפּאַנען אַהין,
וואו ס׳קלאָרן טעפּיכער פון שניי אין ווייט;

הערן, ווי עס אָטעמט פריש דער שניי אין ווינט
און ווי אינם העלן זוניקן אַצינד
גייט אויף אין בלוט דאָס ליד פון אייביקייט — — —

ה

כ׳שפּאַן אין פעלד אין ווייסן ליכט פון שנייען . . .
עס לעשן וואָלקנס זיך אויף הימל-ברעגן:
און ערגעץ-וואו אויף שנייאיק-ווייסע וועגן
שפּאַנט שוין אָוונט צווישן ביימער-רייען . . .

ס׳קניען הייזעלעך ווייט-וואו — אין צווייען
מיט אומעט נאַכטישן דעם ווינט אַקעגן . . .
און ווייסע פענצטערלעך אין שניי פאַרלעגן
בליען ליכטיק אויף און שטיל פאַרגייען . . .

און אין פעלדער-מיט, אין אָוונט-העל,
ציט אַזוי דאָס האַרץ נאָך ווייטער שוועל,
אַוו סע שפּאַנט די רו, ווי טרייער היטער — —

און אין טונקלעניש, אין שאָטן-קיל,
פלאַטערט איינזאַמקייט אויף קאָפּ מיין — שטיל,
ווי פייגל טונקעלע אין אָוונט-ציטער . . .

ו

אַ נאַכט איז היינט אַ ליכטיקע פון לויטערן קרישטאָל,
עס לויכטן העל די אייז-פּלעצער, ווי בלאַנקעדיקע שפּיגלען.
היי! מיט גליטשערס פינקלענדע פון שטאַרקן שטייפן שטאָל
ווי גוט ס'איז איצט צו טראָגן זיך אַף ווינטס צעשפּרייטע פליגלען.

די מוסקלען אָנגעצויגענע, ווי סטרונעס, שאַרף און דין,
און ס'בליען באַקן צונטער-רויט, און ס'בליצן אויף די אויגן;
און קערפּער אין זיגזאַגן-קרייז פליט לייכט דאָ הער, דאָ הין,
ווי פייל פון אָנגעצויגענעם, פון שטייפן יעגער-בויגן.

עס גלעקלען גלעקלעך ערגעץ-וואו אין נאַכט אַריין קלינג-קלאַנג . . .
ס'קומט אַ ווינטעלע און פאַכט מיט פריש-צעוויטן פעכער.
איז לופט היינט שטאַרק — אַ ווייניקער, אַ שומיקער געטראַנק;
און אָברים פריש-צעעפנטע — ווייס-זילבערדיקע בעכער.

און ס'קוועלט אָן נאַכט מיט ווינטער-פרייד אַיעדן וואַכן גליד,
און ס'גייט אויף העל געזאַנג פון בלוט ביז שיין פון דער לבנה;
און ווייט און הויך שאַלט אָפּ דעם ווינטערס שטראַלנדיקע ליד,
און ווייט און הויך עס פלאַטערן דעם ווינטערס העלע פאָנען . . .

אַ נאַכט איז היינט אַ ליכטיקע פון לויטערן קרישטאָל,
עס לויכטן העל די אייז-פּלעצער, ווי בלאַנקעדיקע שפּיגלען.
היי ! מיט גליטשערס פינקלענדע פון שטאַרקן שטייפן שטאָל
ווי גוט ס'איז איצט צו טראָגן זיך אויף ווינטס צעשפּרייטע פליגלען.

ז

די פרייד פון ווין און טאָג איז אויסגעלאָשן.
איצט וויגסטו זיך אַ מידער אויפן בלויען שניי . . .
ס'וועט ניט דערגיין דיין אויפוואַכנדיקער ווײי
צו גאָט — אין זיינע הימל-שנייען איינגעשלאָסן.

ס'ווייט שאַרפער ווינט. עס שמעקט מיט וויטן צפון.
שרייען ווערסטו? פאַרוועמען-זשע דיין טויט-געשריי?
ביסט איצט אַליין, אַליין אין לאַנד פון שניי,
וואו ס'אָטעמט טיפע נאַכט — איינזאַם, ווילד און אָפן . . .

ווי אַ חלום

א

ווי אַ חלום, שלייכסט פאַרביי מיין ענג געצעלט
און אויף מיין שוועל בליט אויף די רויז פון קומער.
און ערגעץ-ווייט פאַרגייסטו, גאָלד-צעהעלט,
ווי עס פאַרגייט אַ לעצטער טאָג פון זומער . . .

אין אָוונט שרייט מיין יונגער בלוט צו דיר,
ווי ס׳שרייט דאָס פעלד דאָס דאָרשטיקע נאָך רעגן —
נאָר ווייט ביסטו, ווי ווייט אַזוי פון מיר
אויף אָפענע און שטראַלנדיקע וועגן . . .

ב

און טרינק איך פרייד פון דיינע יונגע גלידער,
ווי אַלטן, שווערן וויין פון פולע בעכער —
ווערט מיר באַנג אַזוי און כ׳פאַל אַוועק אַ מידער,
וואַקסט דער אומעט אין מיין האַרצן רייפער, העכער.

לויכט נאָך פרילינג פון מיין לעבן אין זיין שיין
און איך הער שוין טריט פון האַרבסט אויף מיינע שוועלן —
איז לאָז מיך טרינקען פרייד, ווי שוימיק וויין,
און זאָל דער אומעט אין מיין האַרצן קוועלן!

ג

טראָגסט דיין יונג באַגער, ווי ס׳טראָגט דער יונגער בוים
דיינע בליאונגען אין שמעקעדיקן פעלד . . .
און צינדסט זיך דיין באַגער אָן — העלער טרוים —
טאָ שפּאַן-זשע שטיל אַריין אין מיין געצעלט.

און לייג דיין האַנט, דיין ווייסע, שטילערהייט
אויף קאָפּ מיינ, וואָס איז יונג שוין אַלט געוואָרן.
און אויפגיין זאָל אויף אונדז אַ ליכטיק פרייד,
ווי אויף אַ זוניק פעלד — געבענטשטער קאָרן . . .

ד

ס'האָט אַלטער בענקשאַפט-וויין אין האַרצן אויפגעקוואַלט —
נאָך דיר, צאַרט-הויטיקע, נאָך דיר, אָ, פרויען-קינד !
און ס'איז מיין בלוט — דער שפיגל פון דיין היים געשטאַלט,
און ס'איז מיין זיין דער אָפשיין פון דיין שיין אצינד . . .

דיין קלייד, וואָס שלינגט דיין קערפער, ווי אַ כוואַליע, איין,
דיין גאָלדן קאָפ — דער אָטעם פון דיין מיידל-פרייד:
אַ גרוס פון זיי היינט ברענגט צו מיר די שטעזשקע שיין,
וואָס זון האָט אויסגעטראָטן אין מיין האַרצן-ברייט . . .

ה

בינד מיך מיט דיין קאַפריז, ווי מיט אַ גאָלדן שטריק,
און נעם און שליידער מיך אוועק צו דיינע פיס . . .
אין גוף מיין אומעטיקן נעסטעט זיך אַ גליק:
זיך אויפלייזן פאַר דיר ביז טיפסטן האַרצנס ריס . . .

דער אָטעם פון מיין פרייד איז אַלעמאָל דאָך לייד,
דאָס האַרץ פון מיין געלעכטער איז דאָך אויך — געוויין;
איז גוט אין שאָטן פון מיין אָונט-איינזאַמקייט
צו ליידן ווען אַזוי פאַר דיר, פאַר דיר אליין . . .

ו

די זון האָט זיך אַריינגעזונגען אין דער ערד.
איר ליכט האָט אויסגערונען שוין. די נאַכט פאַלט צו.
אָ, זאָל דיין נאָענטקייט היינט זיין דער שאַרפער שווערד,
וואָס שניידט אָפ נאַכטיש איינזאַמקייט מיינס פון מיין רו . . .

איך נעם ארום דיין ליבשאַפט פון איר טונקל שייד.
דיין ליבשאַפט, וואָס דו זויגסט איר שטענדיק איין אין זיך . . .
פאַדלאָז מיך ניט. באַווייזן זאָל זיך זון פון פרייד
און לויכטן זאָלן מיר היינט אין איר ווייסן ליכט.

ז

פריינט מיינער . . . אָ, קום, פאַרוויג דאָס בלוט אין מיינע גלידער,
מיין נאַכט האָט דורשטיק היינט איר מויל צעעפנט נאָך דיין שיין.
אין שטילער זון פון איינזאַמקייט היינט רייפן מיינע לידער
און אומרופּול איז היינט מיין גוף, ווי פולער קרוג מיט ווין . . .

אָ ווייט, אָ ווייט, אין אור-ווייט פון מיין פריסטער יוגנט
האָט זון מיט פינגער גילדערנע געצייכנט מיינע טעג.
און היינט — דערמאָנונג-שיין איז שוין פאַר מיר געגונגנד,
און ס׳שפרייט שוין ניט קיין גאָט זיין קלייד אוים אויף מיין וועג . . .

ח

פריינט מיינער... דער שוועל ביסט היינט פון מיינע ליכטיקע באַגערן,
נאָך דיר איז גאָרניט, גאָרניט שוין, פאַר דיר איז אַלץ.
כ׳האָב היינט דערשפּירט אין בלוט דעם ציטער פון די שטערן,
און רוף איר ליכטיקן פאַרוואָרפן האָט די ערד ארום מיין האַלז.

חלומות וועקן זיך און קומען אָן מיט פאַרבן-רייכע פליגל.
יינגער ווערט מיין האַרץ. איך הער דעם אָטעם פון דיין גאַנג.
אין לעצטער שעה פון פיין האָט האַרץ מיינס אויפגעריגלט
פאַר דיר, מיין שטאַרבנדיקער גליק, אַ לעצט געזאַנג . . .

ט

פריינט מיינער . . . דו וויקלסט איין אן אייביקייט אין א מינוט
און טראָגסט עס אונטער מיר — אַ ליכטיקן געשאַנק.
די פרייד פאַרוואָרצלט זיך אין גוף מיינעם: ס׳איז גוט !
און דאָך איז עפּעס אַזוי קומערדיק און באַנג . . .

דאָס האַרץ פון יעדן גרעזעלע מוז אויפצאַפּלען פון פרייד,
דערשפּירנדיק אויף זיך דיין חנעוודיקן טראָט;
און דאָך — אין שטילער לייד מיין ליד פאַרגייט
פון דיין ליבשאַפטפולער שלעכטסקייט — פון דיין שפּאָט . . .

י

פריינט מיינער . . . כ׳הער דעם דורות-טראַט, וואָס קומט שוין אויף
ביים שוועל פון בלוט דיינעם, דעם זוניק-אויפגעגרינטן,
דאָס האָט דער פרילינג זיך אַ ריר געטאָן אין דיין גוף,
ווי ס׳וועקט אַ בער זיך אויף פון טיפן שלאָף פון ווינטער . . .

אָ, ביסט פונלאַנג שוין רייף געגוג צו זיין מיט מיר,
נאָר זיין וועסטו אַן אַנדערנס, אַן אַנדערנס.
דעם אָפּבילד נאָר, אָ, ווילדער אומזין מיין, פון דיר
אַוועקטראָגן וועל איך שוין אויף מיין וואַנדער-וועג . . .

יא

אירע הייסע פינגער קילט די זון
אין אָוונט-בלוי פון מיינע פענצטער.
פון אלע פרויען אונטער דער זון
ביסטו אין דער אָוונט-שעה — די שענצטע . . .

שטאָט — אַ חלום צו אונדזערע פיס.
אלע אירע פייערן ריידן . . .
שוועסטער! נויג דיין קאָפּ און הער ווי זיס
עס נידערט איצט גאָט׳ס האַנט אויף אונדז ביידן . . .

פון מיין היים

ד. טשאַרניין

א

ווי פייגל אויפגעשטורעמטע פון פריען האַרבסט וואָס קומט אָן,
זענען דיינע קינדער פון דיר אַלע זיך צעלאָפן.
אָ, היים מיינע! גאָט׳ס קול האָט פינצטער איבער דיר צעברומט זיך
און ס׳האָט אומגליק, ווי א שווערער דונער, דיך געטראָפן.

ס׳וועט שוין קיינער, היים מיינע, דיין שוועל אַריבערטרעטן.
אויף פעלדער וויסטע גוססטו עלנט און אַלייניק.
אפשר קומט א ווינטל ווען, אָן איינזאַמס, דיך אַ גלעט טאָן
אפשר קומט א פייגל ווען באַקלאָגן דיך, באַוויינען . . .

ס׳האָבן דיינע קינדער דיך פאַרגעסן וואו אויף וועגן
און בלאָנקען אום פאַרוואָרלאָזט איבער לענדער, איבער יאַמען.
אָ, וואו וועט שוין א היים מיט ליבע זיי באַגעגענען?
אָ, וואו וועט פאר זיי שטרעקן זיך אַן אָרעם פון א מאַמען?

ב

ס׳האָט מיט פרייד מיט העלער ניט געטאָגט אין דיין געצעלט.
אין טונקלעניש האָט אומעט-פאָדים שטענדיק דיך פאַרשפּונען.
זוען האָט שמייכל ליכטיקער באַזונט מיין אָרים וועלט?
אָ, ווען האָב איך, דיין יונגעם קינד, ביי דיר אַ טרייסט געפונען?

אינם שלאכט אין פלאַמיקן געשיקט האָסט מיך אָן שווערד,
נאָר אומעט אויפן האַרץ מיר — א קאַמייע — אָנגעהאנגען.
כ׳בין אַוועק און איינגעזייט אויף ניט-צעאַקערט ערד
די זאָמען פון די טעג מיינע, די טעג מיינע די באַנגע.

און ס׳בליען אויף און וועלקן אָפּ די טעג מיינע אזוי,
ווי גראָזן אָרים-בלוטיקע אין קעלער-קעלט געגעסטעט.
און אָן דיין ליכטיקייט, אָ, היים, אָ, פרייד, אָ, פרוי —
שאָטנט טרויער טונקעלער אין מיינע אויגן-נעסטן.

ג

ס'איז מיין היים די קליינע, גרויע ליטע פון פאַרצייטן,
וואו אומעט איז אין יעדן צווייג פון בוים אַריינגעפלאָכטן.
ס'איז מיין היים געווען אויך רוסלאַנד גרויסע, ווייטע,
וואו ערשטער בליץ פון שלאַכט האָט טרוים מיין קינדישן געשאָכטן.

און ס'וואַרט שוין וואו אין וועלטן-ווייט א ווייטער שוועל א וויסטער
אויף זוים פון מיינע וואַנדער-טריט, אויף אָפּרו פון די גלידער.
אָ, ערגעץ-וואו אין וועלט אַריין איך וועל זיך דאָך אַ ריס טאָן
און אָפּטראָגן אַהין דעם דורשט נאָך נייע לידער . . .

נאָר פון לאַנד אין צווייטן לאַנד, אין וואַנדער-וועג אין מידן
אויף אַקסל יונג-געבויגענעם כ'וועל אויך אַהין דערטראָגן
די אומזעבאַרע לאַסט דיינע, אָ, היים מיינע, פון ליטע,
די אומזעבאַרע לאַסט דיינע אויף קלאָגן און באַקלאָגן.

ד

די אומזעבאַרע לאַסט דיינע . . . אָ, טרויער פון דערמאָנונג !
אָ, קום און וויג זיי איין, די קינדער מיינע — מיינע יאָרן!
מיין יעדע שעה אין לייד, ווי אין א זאַק, היינט אָנגעטאָן איז
און ס'וואַלגערט זיך מיין טרוים אַהינטער פלויט פון שטומע וואָרן...

פאַרבלייכן שוין די טריט פון מיינע נישט-געדאַכטע פריידן.
איז ווי זאָל איך, אָ, היים מיינע, היינט קומען און באַזינגען ?
אין טונקלעניש פאַרגייען מיינע האָריזאָנטן-ברייטן
און זון, ווי אין א ברונעם, זינקט אין אירע שקיעה-רינגען . . .

אָ, קען זשע קומען היינט צו מיר מיין שטילע פרייד דערפרייען ?
אָ, קען זשע העל געזאַנג היינט קומען זיין מיין שטילער ברודער ?
אַז ס'בילט ארויס פון גוף מיינעם דער צער-פולער ווייטאָק,
ווי הונט ווי עלנטער פון האַרבסטיק-טרויעריקער בודע . . .

ה

דיין גורל, היים מיינע, איז איבער דיר געפאַלן, ווי אַ שטערן,
וואָס ציטערט אויף און עסט זיך איין אין טונקעלער פלייש פון נאַכט.
אָ, קענסטו, היים מיינע, דעם זונען-טראַט פון יונגן טאָג דערהערן,
ווען ס׳וויקלען נאַכט-שאָטנס אין טונקל איין דיין שטילע אייבערפלאַך.

אַז אויסגערונען זיינען דיינע פרומקייטן אויף אַלע ראָגן.
נאָר שטילע בענטש-ליכט פונם אומעט לויכטן אויף אין דיינע טעג.
כ׳זע דיך, היים מיינע, אין שאָטנדיקער שעה פון ערב-טאָגן,
ווען ס׳וואַקלט זיך די נאַכט מיט שוואַרצע שאָטן-פּים אויף ווייטן וועג...

און ס׳שניידט זיך איין אין האַרץ פון נאַכט דיינס די לבנה, ווי א דאָרן,
און בלוטיק עפנט זיך דאָס אויג פון מאָרגנשטערן אויף דער וועלט.
אָ קענסטו, היים מיינע, דערהערן פריידן-שאַל פון זונען-האָרן,
וואָס מעסט באַגינענדיק די אויבערפלאַך פון פריש-פאַרזייטן פעלד?

ו

אָ, היים מיינע, אָ, ווייטע היים פאַרלאָזטע,
פאַרוועבטע אין געוועב פון שטילן טרויער;
מיט ווערטער איינפאַכע, מיט ווערטער פּראָסטע
דעם שטילן ווי און בראָך דיינעם כ׳באַדויער.

ס׳האָבן ווינטן ווילדע ווייט-וואו, ווייט פאַרטראָגן
דעם דינעם אַש פון דיינע אויסגעברענטע פריידן.
איז ווער זאָל איצט אויף דיינע חורבות קלאָגן?
איז ווער זאָל איצט דעם אומגליק דיין באַשיידן?

ס׳האָט דיין זומער אויסגעצאַנקט וואו אויף די וועגן
און ס׳גליט דער האַרבסט שוין רויט אויף דיינע שוועלן:
איז ווער-זשע, ווער זאָל אָנקומען דיר אַנטקעגן
מיט וואָרט מיט פריידיקן, מיט גרוס מיט העלן ?

גאָלד און בלוט

א

ה. לייוויק'ן

דו ביסט מיר נאָענט — רייד איך צו דיר אָפן.
איך גלויב: וועסט אויפנעמען מיינע רייד.
אין קעמפן און אין גלויבן און אין האָפן
איז יאָ פאַראַן אַן אמתדיקע פרייד.

נאָר ס'איז מיין וואָר געבראָכן פונם קומער,
ווייל קעמפן קעמפסטו היינט דאָך קעגן ווינט.
קופּאָלןביילן זיך, ווי פויסטן שטומע,
אַנטקעגן הימלען — גאָטלאָז, גרוי און בלינד.

ווי קען איך בענטשן — אַז די גלידער שעלטן,
ווען ס'קומט די נאַכט מיט זון צוגלייך
און ס'רינגלט מיך אַרום און מיינע וועלטן
די איינזאַמקייט — אַן אָונטיקער טייך.

אַליין נאָך יונג, און אָפּטמאָל אפשר גלויביק:
איך וועל זיך טאָן פון זיך אַליין אַ ריס !
שטענדיק אָבער, שטענדיק און פון אייביק
ליגן פריידן אויסגעבערענט צו מיינע פיס.

צו וועלכן לאַנד מיט טראָט מיינעם זיך גרייטן
אַז אויגן קוקן נאָך מיר ווילד און רויט!
ווייל אָט דיין פרוי — איר שיינקייט איז צום ווי טאָן,
ווייל אָט דיין פריינד — דערמאָנט דיר גאָר אין טויט.

און וואָגלענדיק דורך אַלע זיבן פיינען
אַרויסגעריסן, ווי אַ דאָרן, פון מיין לאַנד —
וועט אויפלויכטן דער אומעט און באַשיינען
מיין וועג מיין איינזאַמען צום טונקלען ראַנד.

דו ביסט מיר נאָענט — רייד איך צו דיר אָפן.
איך גלויב: וועסט אויפנעמען מיינע רייד.
אין קעמפּפען און אין גלויבן און אין האָפן
איז יאָ פאַראַן אַן אמתדיקע פרייד.

ב

פאַרטאָג, ווען דער באַגינען האָט גערוט נאָך אין די וועלדער,
איז אַ רעגן פריש אַזוי און ליכטיק אויפגעגאַנגען,
ווי אין פולן מאָרגנליכט דער בלי פון רייפע זאַנגען
אויף די זון־פאַרטרונקענע, שווער־זומערדיקע פעלדער . . .

וועל איך היינט זיך פעדערן אויף וועגן ווייטע, שטילע,
אָנגורטן מיט העלער פרייד די יונגע מיינע לענדן
און שפּאַנען אויפגעהייטערט אין ליכטיק־בלויע ענדן
אונטער שמעקעדיק געזאַנג פון רעגנטראָפּנס קילע . . .

און לויטערקייט וועט טריפן מיטן רעגן גלייך אַראָפּ
אויף מיין יונג־צעבליטן און זון־אויפגעגרינטן קאָפּ
און אויפן וואוקס דעם גילדערנעם פון מיינע פרישע האָר.

און ביימער גלייך צעוואָקסענע אין אָפן־ברייטן פעלד
מיט קעפּ צעפּאַטלטע פאַר אַלע ווינטן פון דער וועלט
וועלן אויפשיינען פאַר מיר מיינע יונגע יאָר.

ג

דער פ׳שער פאַרוואָרפט זיין נעץ אין טונקעלן, קילן טייך.
עס איז דאָס וואַסער אויפגעשוואָלן־גרוים און פול און ברייט.
דער אָוונט פינקלט גאָלד און רויט: ער פינקלט און פאַרגייט.
די נאַכט קומט אָן פון בלויען, שווערבנדיקן שטערן־רייך.

דער פ׳שער פאַרוואָרפט זיין נעץ אין טונקעלן, קילן טייך.
עס שמעקט פון זיין לייב מיט ווינט און מיט ריח פון נאַכט.
ער ציט זיין פיל־אויגיקע נעץ פון טייך אַרויס באַזאַכט
און אין זיין נעץ אַ פיש אַ ווייסער, ווי אַ שטערן לייכט.

מיט זינגנדיקע טריט ער גייט אין שטילן דאָרף אַריין,
וואו זיין געלעגער וואַרט און וואו זיין אָוונט־ברויט איז גרייט.
די שטערן רוישן אין זיין בלוט, ווי שווערע טראָפּנס וויין.

און אין זיין טיפן שלאָף, אין קילן, שמעקעדיקן היי
ער חלומט דאָן פון ים, אוואו דער ברייטער זעגל ווייט
און אויך פון זיין געליבטערס לויכטנדיקע אויגן צוויי.

ד

פאַר ש. האַלקין

דיין לעבן איז אַ פעלד, אַ וואַסער און אַ בוים,
וואָס רייסט זיך מיט די צווייגן אין בלויען רוים.

האָט אַ שטים ווי פייער זיך אין מיר צעברענט,
ווען עס האָט דערפרי־היינט האַרץ מיינס אים דערקענט.

האָט האַרץ — אַ שטילע בלום — צעעפנט זאַכט איר בלאַט
פאַר טוי פון זיינע רייד: פריש און יונג און מאַט.

און אָוונט, ווען דער טאָג געניגט האָט אָן אַ זייט
און נאַכט איז אָנגעריטן ערגעץ פון דער ווייט,

געוואַנדערט כ'האָב אַף שטעגעלעך פון זיינס אַ ליד
און פרייד האָט אָנגעקוואָלן מיין יעדן גליד.

און כ'האָב דערהערט די שטים, וואָס האָט אין מיר געברענט,
ווען עס האָט דערפרי היינט האַרץ מיינס אים דערקענט:

דיין לעבן איז אַ פעלד, אַ וואַסער און אַ בוים,
וואָס רייסט זיך מיט די צווייגן אין בלויען רוים.

ה

פענצטער . . . בלויע, טונקל־מאַניעדיקע וועלטן.
הימלען איינגעפאַסט אין גרויע מויער־ראַמען.
כ'זע דורך זיי די וועלט אין בענקשאַפט פלאַמען,
ווען אָוונט צינדט מיין יוגנט־טרוים צעהעלטן.

און ווען עס קומט די נאַכט מיט פאַלנדיקע שטערן,
לבנה בלאַנדזשעט טיף אין פענצטער ווי אין טייכן, —
לאָז איך זיך דורך טונקעלע, טויטע גאַסן שלייכן,
ווי כ'וואָלט דעם רוף פון אומבאַקאַנטן לאַנד דערהערן . . .

ו

ביינאַכט אויף מיין געלעגער וואַך איך אויף:
ווער איז, ווער איז די פינצטערע געשטאַלט,
וואָס וואַנדערט דורך מיין בלוט, ווי דורך אַ וואַלד,
און יאָגט די בלינדע שרעק אין מידן גוף?

קלאַפּט אָן אין מיר דעם טויט׳ס פאַרשטילט געשריי,
וואָס טראָגט זיך אויפן ווינט דורך וויסטע מערק?
איז גאָט אַראָפּ פון זיינע הויכע בערג
זיך איינהאָרכן אין מיר און אין מיין וויי?

ז

איעדעם פאָלק פאַרמאָגט זיין טרויער,
איעדעם לאַנד — זיין שטום געוויין:
נאָר ביז דער לעצטער שעה, דער גרויער
פאַרנעמט ניט מענטש זיין בלוט׳ס פאַרגיין.

אין טיפער נאַכט די שטערן ריידן:
דער מענטש איז בלינד און וויט פון גוט:
גאָלד פון איינעם איז בלוט פון צווייטן:
אַ, וועלט אין ליכט פון גאָלד און בלוט!

דער זויפט זיין לוסט פון פולן בעכער,
באַרוישט פון ווילדער רייכקייט-פראַכט:
און דער, אין גרויען קלייד צעלעכערט,
שטאַרט אין גאַס פאַרדעקט מיט נאַכט.

אין זאַלן הילכט דער דזשעז-געפּילדער,
עםווירבלען פרויען-פיס אין שיין:
און טויט פון היימלאָזן אין פיבער
גליט אַף ליפּן — אַ טראָפּן וויין...

דאָס איז דער זון-פאַרגאַנג פון פעלקער,
דאָס איז דער האַרבסט פון מענטשן-שטאַם,
ווען ס׳קומט די דעמער-שעה פאַרמעקן
דעם מענטשנס טאָג, זיין זונען-פלאַם.

און אויסלעשן זיין אויג פון טרערן,
און איינשטילן זיין פריידן-ליד,
און אויסשפרייטן דעם שטויב פון שטערן
אויף מדבר-גלי, אויף שפור פון טריט — — — —

איעדעם פאָלק פאַרמאָגט זיין טרויער,
איעדעם לאַנד — זיין שטום געוויין;
נאָר ביז דער לעצטער שעה, דער גרויער
פאַרנעמט ניט מענטש זיין בלוט׳ס פאַרגיין . . .

ח

י. ל. פרץ

דיין גרויען קאָפּ — איך האָב דערזען אים, ווי אַ ליכט, וואָס וועבט
זיין שטילע פייער-נעץ צווישן טונקעלע פיר ווענט.
דו האָסט פון קוואַל פאַרהוילטן פרישע פריידן אָנגעשעפּט —
אַ טרונק צו טאָן פון דיינע לויטערע און צאַרטע הענט.

אָ, יידיש לעבן — ווי אַ דימענט אין זיין ערב-זיין
אַרויסגעוויקלט האָסט אים פון זיין שאָטן-פינצטערקייט,
און פול און שטראַלנדיק איז אויפגעגאַן זיין שטילע שיין,
ווי ווייסער מאָרגנליכט אַריבער בר׳יט פון אונדזער צייט.

פון אַלע טיפע טויערן איך האָב דיין וואָרט דערהערט,
ווי ווינט וואָס קומט פון היילן אָן און אָטעמט שאַרף און לאַנג.
פון הימלישקייט האָסט אויסגעקנעט דאָס פּנים פון דער ערד
און עס אוועקגעשאָנקען אונדז — אויף דורות אַ געשאַנק.

און מיר — פאַרבלאָנדזשעטע אויף אַלע שליאַכן פון דער וועלט
מיט אומעט, ווי אַ פעטליע אויפן האַלדז פון אונדזער גאַנג, —
ווי גוט ס׳איז אונדז צו אָפּטרעטן אויף אָפּרו אין דיין פעלד
און שפּירן, ווי די בלוטן קוועלן אָן פון דיין געזאַנג . . .

ט

טאַטע!

האָסט אויפגענומען דיין האַרבסט מיט געזאַנג
און פרום זיך געלייגט צו די פיס פון גאָט.
און מיך רופט דער גילדערנער זון-פאַרגאַנג,
די פייערן פון דער זינדיקער שטאָט.

דיין פרייד איז געווען גאַנץ און גאַנץ דיין וויי:
האָסט פאַר גאָט געהייבן דיין טעגלעך ברויט.
און מיך רופט די נאַכט, דער הונגער-געשריי,
די טונקעלע שטים פון טויט . . .

י

דו וואַנדערסט, מענטש, פון פרוי צו פרוי, פון לאַנד צו לאַנד,
קליידסט אָן דיין האַרץ אין העמדעלעך פון שווערן בליי.
דו יאָגסט דיין בלוט פון שטייג, ווי פייגל ווילדע אויף דער פריי.
נאָר קומען וועט אַ טאָג פון וויטן צפון-ראַנד,

וועסטו פאַרבלאָנדזשען, ווי א ווינט, אין זיך אליין
און איינגראָבן דיין שטום געזיכט אין שויס פון דיין געוויין.
און נאָענט, ווי באַריר פון קראַנקער מאַמעס האַנט,
וועט אויפשיינען פאַר דיר דיין לעבן, וואָס פאַרשווינדט
און לאָזט נאָך זיך א וועלט מיט פרייד, אַ טרער פון דיינם א קינד . . .

סאָנעטן

דו פרעגסט מיך . . .

דו פרעגסט מיך, פריינט, צי לאָזט זיך א געבעט,
אַ פונק פון האַרצנס אויפגעהעלטן פלאַם:
דעם רויש פון שטורמישן געדאַנקן-ים —
פארשליסן אינם שטייג פון א סאָנעט?

אָ, ניט צוליב דעם פיר-פאַכיקן גראַם:
אויך ניט צוליב דער פאָרם — שטאָלץ און נעט
איך פאַס אַריין מיין זעלישן פאָרטרעט
אין אָט-דער פערצן-שורותדיקער ראַם.

כ׳ליב אין סאָנעט דעם שאַרף פונם גזר-דין:
דעם סך-הכל וואָס ס׳מאַכט אָפּט דער באַגין
דעם טויט-פאַראורטיילטן נאָך לעצטער נאַכט . . .

סאָנעט, ביזט שטאָליק, ווי לבנה-שטראַל:
ווערסט טרויעריק, נאָר ניט סענטימענטאַל
און אין געפילן-כאַאָס אומגעבראַכט . . .

סאָנעטן פון געטאָ

א

דורך היילן פינצטערע איך זע אייך גיין
מיט ליכט געצונדענע אין אַלטע הענט.
די פלאַמען ציטערן אויף שטומע ווענט
און שאָטנס לויערן פון יעדן שטיין . . .

דורך טיפע טויערן שפּאַרט א געוויין:
דאָס גרייכט אַ יאָמערן פאַרשטיקט, געשענדט
פון אַלטע פּאַרמעטן אויף אַש פאַרברענט
און פון א טעמפּל — א פאַרוויסט געביין.

אָ, דורות, פייערן פאַרלאָשענע,
ווי העל איר לויכט דאָך אויף אין מיינע נעכט,
ווען ס׳צאַנקט מיין חלום-שיין פון פּיין פאַרשוועכט.

אָ, דורות, וואסערן פאַרפלאָסענע,
ווי קלאָר איך הער דאָך אייער ווילדן רויש,
ווען שעה פון איינזאַמקייט איז אַלט און גרויס.

ב

שאַל, האָרן, שאַל, אויפן משיח-טרוים . . .
דער זוהר לויכט, ווי א לבנה-נאַכט.
דער טאַטע זיצט ביים בלאַסן ליכט פאַרטראַכט
און זיינע ליפּן זיך באַוועגן קוים.

און זיין געדאַנק — אַ פייגל אינם רוים:
ער שווינגט און פאַלט, ער שטייגט ארויף און קראַכט,
זיין האַרץ — א דאָרן מדבר׳דיק-פאַרשמאַכט —
איז אויפגעפרישט, ווי פעלד פון רעגן-שוים . . .

אָ, שופרות, שאַלט, אויף דער גאולה שאַלט . . .
זי לויכט אין טאַטנס האַרץ, ווי אין א וואַלד;
זי פינקלט, ווי א טייך אין אָוונט שיין . . .

דעם טאַטנס אויגן — שטערן איבער שניי,
הבדלות הייסע, גליענדיקע צוויי,
וואָס שפּיגלען זיך אין רויטן זוהר-וויין.

ג

די אַלטע ווענט — זיי האַלטן ביים צעפאַלן.
נאָר ניט צעפאַלן וועט דאָך זייער טרויער.
אַט עפנט זיך פאַר מיר אַן אַלטער טויער
און כ׳הער דעם שופר פון פארצייטן שאַלן.

אָ, אַלט איז דאָ די זון מיט אירע שטראַלן,
דאָס בלאַסע גראָז און שטיין דער רויער,
דער שאָטן פונם וואָלקן אויף דער לויער:
די פינצטערניש, וואָס נעמט פון גרונטן פראַלן.

אָ, אַלט איז דאָ דער צער אין מענטשנס אויגן:
די שטומע לאַסט אויף אקסל טיף-געבויגן:
דער שטילער בראָך פון הענט אין לעצטער תפילה.

ביינאַכט די שאָטנס קומען זיך צוזאַמען
און ליינען דאָ ביים שיין פון ליכטלעך-פלאַמען
די אלטע פאַרמעטענע קלאָג-מגילה.

ד

דער זומער אויפן באַרג שוין אויסגעגאַנגען.
דער רויטער האַרבסט צינדט אָן די הימל-ברעגן.
אָ, טרייסלט אָפּ פון זיך דעם שטויב פון וועגן
און נעמט די מנחה-שעה אויף מיט געזאַנגען.

ווייל ס׳פּרווט די פינצטערניש די ערד צו פאַנגען,
קומט, גייט דעם מינדסטן שטערנדל אַנטקעגן:
לאָזט אין די פעלזן זיך די ווינטן פרעגן,
צי ס׳הערן זיך שוין ניט די גאולה-קלאַנגען . . .

מיין עדה האָרכט. א בוים אין ווינט דערשלאָגן —
ביים וועג זי שטייט און זעט: די נאַכט נעמט טראָגן
אויף אירע הענט די זון אין פייער-אָרון.

מיין עדה בלייבט אין טונקלעניש געבונדן.
ווי שטראָמען פרישער בלוט פון אלטע וווּנדן,
די שקיעה פלייצט פון אַלע ווייטע יאָרן.

ה

איר קלאַפּט אין אַלע טירן פון דער וועלט:
אַ, גייער אָרעמע, מיט טרערן רייך.
צי וועט אַ בליק זיך צונויגן צו אייך
מיט שיין פון גנאָד און רחמים אויפגעהעלט.

אַ, פול איז אייער טרויער ווי אַ טייך . . .
צום בעטלער איינזאַמען אין אָוונט-פעלד,
צום וואַנדער-וואָלקן אינם הימל-געצעלט
איז אייער דורותדיקער לעבן גלייך.

ווו איז דער לעצטער שטראַל, דאָס לעצטע ליכט ?
דער בלאסער צייכן פון די וויטע טעג
האָט אויך פאַרלאָשן זיך, אַ, אומגעריכט.

עס האָט די פינצטערע און בלינדע נאַכט
אַראָפּגעלאָזן זיך אויף אייער וועג . . .
דער לעצטער טויער האָט זיך אויך פאַרמאַכט.

ו

די שוואַרצע ליכט פון גזרות ת״ח ות״ט
זיי ברענען אין מיין האַרצן מיד און אַלט.
אַ טרויער-שאָטן אויף מיין לעבן פאַלט
און צייכנט בלוטיק אָן מיין וואָרט און טאַט.

דאָס בוך פון צער איז אָפן. יעדער בלאַט —
פון דורות׳דיקן לייד אַדורכגעשטראַלט —
ער לויכט ווי זון-פאַרגאַנג אין טיפן וואַלד
פון מיינע נעכט — מיט טונקעלן יאָמער זאַט.

די געטאָ שטומט, פאַרשטיקט אין איר געשריי,
אין יעדער וואַנט איז איינגעקריצט איר ווײ
און יעדער שטיין פון קומער שווערער ווערט.

אַריבער אַלע דורות הויערן גרייט
די געטאָ-תליות. ס׳טראָגט זיך ווייט און ברייט
איר שטום געוויין — אַ וואָלקן איבער דר׳ערד.

ז

וויפל פינצטערניש אין אָט-די מויערן!
אַ, וויפל עלנט אין די בלאַסע שטיבער.
אַן אַלטע שטילקייט ווי אין טויטן-גריבער,
אויף שוועל און שטיין — זי טוט דאָ הויערן.

שאָטנס, ווי די פאַרהאַנגען, אויף טויערן.
זיי וואַקסן הויך דעם הימל-פּאַס אַריבער.
אַ נאכט אַן אייביקע, אַ נאכט פון פיבער
אויף יעדן ליכט-פּונק טוט דאָ לויערן . . .

כ'פּלאָנטער זיך אין נעץ פון אלטע יאָרן,
וואָס זיינען מחנות'ווייז אויף מיר באַפאלן
פון יעדן קרומען הויף, פון יעדן גאָרן . . .

אין דעמערליכט אַ קלינגען נעמט זיך שפּרייטן.
צי איז עס גלאָקן-ברום, צי שופרות שאַלן,
צי גאָר דער קלאַנג דער אייביקער פון קייטן? . . .

ח

איר זייט געפאַלן — זאנגען פארן שניטער.
באַלויכטענע פון חלף — אָפּגעגעבן
האָט איר דעם טויט דאָס ציטערדיקע לעבן,
ווי ס'גיט דער וואַלד זיך אָפּ אַ בליץ-געוויטער.

ס'איז אייער וועג דער גורל-אויסגעשמידטער
דורך קרבן-בלוט צום גאולה-חלום שטרעבן,
און אין דער בלויער אייביקייט פאַרוועבן
דאָס טיפע ליכט פון פינצטערע געמיטער.

עס פאַלט דער שיין פון הייליקע אלטאַרן
אויף אייערע פאַרפּייניקטע געזיכטער.
עס ברענען, ווי די הויכע שטערן-ליכטער,

די ווונדן אייערע, די שטומע צערן. —
נאָר ס'שטראַלן האָפענונגען דורך אַלע מורא'ס
און העלן-אויף די ווייטסטע היילן-דורות.

ט

אין אָפּגרונט פון די דורות לויכטן שטערן,
ווי כישוף-ליכט אין טיף פון אָקעאַן . . .
אָ, ברידער, איינגעשפּאַנט אין דורות-שפּאַן,
ס'וועט אייער גלויבן ניט פאַרלאָשן ווערן.

אָ, ברידער, הייליק איז איעדער שפּאַן
פון ערד — אָ, זאַט מיט אייער בלוט און טרערן,
ס'וועט סאַמע פינצטערניש דאָך ניט פאַרצערן
דאָס ליכט וואָס איז אין אייער צער פאַראַן.

ס'איז דאָ אין רוים אַן אויער, וואָס דערהערט
דעם זיפץ פון אויג ביז פולן ראַנד פאַרטרערט,
דעם שטילסטן פאַל פון טראָפּן בלוט אויף שטיין . . .

ס'איז דאָ אין צייט א האַנט, וואָס חשבונט קאַלט
און פירט צו סך-הכל איעדן גוואַלט,
איעדן הייב פון האַק אויף פלייש און ביין.

י

נעם צו פון מיר דעם בלוט-קאָשמאַר, נעם-צו,
ער פייניקט מיך אין לאַנגע נעכט אָן שלאָף.
וואָס איז מיין זינד, וואָס קומט מיר אָט-די שטראָף,
פאַרוואָס פאַרצוקט די בייזע נאַכט מיין רו?

און ס'ענטפערט מיר אין חצות א קול: אָ, דו,
אין וואָגל מיטן ווינט דורך וועלט — ניט האָף,
אַז ס'וועט די נאַכט פאַרוויגן דיך — א שאָף —
אויף אירע הענט — אין מאַמעשן ליו-ליו . . .

אָ, הער דעם וואָי פון טיפן ווינט, אָ, הער —
ער וואָגלט, וויגט אין לופט אַן אַלטע טרער
א פינצטערע, ווי טויט און ווי א וואָלקן גרויס:

זי וואַנדערט דורות שוין אַרום אין רוים
און פיבערט-אויף אין שפיגל פון דיין טרוים.
זי לעשט דיין רו אויף אַלע אייביקייטן אויס.

יא

פון אַלע טויערן קומסטו מיר אַנטקעגן,
אָ, ווו איך טו זיך נאָר מיט בליק א ווענד,
דיין שאָטן, שאַרף און שמאָל, גיט מיר א בלענד,
ווי ווערבע־בוים פארבראָכן אויף די וועגן.

ווו פירסטו מיך, וווהין? צו וועלכע ברעגן?
ווי ס׳טראָגט זיין האָרב דער קעמל אָן אַן ענד,
מיט גורל־שטריק פאַרגאַרטלט מיינע לענד,
איך שלעפּ דיין לאַסט אויף מיינע געטאָ־שטעגן.

און כאָטש דו ביסט שוין וויט, אָ, ווייט פארגאַנגען
פון מיין ערד און פון מיינע געזאַנגען,
פאַנגט מיך, ווי א בליץ דעם גייער, דיין געוויין

אין מיינע וואַכע, נאַכטיק־טיפע שעהן,
ווען די שאָטנס אין מיין צימער וואָיען,
ווי די ווינטן אויף דיין קבר־שטיין.

יב

חצות. איך הער דיין גאַנג דורך די חדרים.
ווי אַ תפיסהניק אונטער דער גראַטע.
ס׳ברענט אַ ליכט — אַן איכהדיקע, מאַטע,
שלייכט דיין שאָטן אום אויף הורבעס ספרים.

א געוויין פון היילן און פון קברים
גייט דיר נאָך, אָ, דורותדיקער טאַטע.
ס׳לויכט לבנה, ווי א געלע לאַטע,
אויף דיין רוקן, ווי פון דר׳ערד אַ וואָרעם.

גראָבסט אין חשכות אוים אן אלטע טענה:
אָ, שאָטנס — ס׳טייטש? אָ, חצות־ליכטל — דהיינו?
אָ, שטומע ווענט, פארלאָזענע פון שלאָף:

אָ, שומר פון דער נאַכט — ווען קומט דער סוף?
אין העלער שיין פון סיני׳ם צען געבאָט
עס שטראַלט דיין קאָפּ פון הויך פון עשאַפאָט . . .

יג

אברהם, יצחק, יעקב —ברידער —
זעצן זיך צום טיש מזומן;
באַלד וועט אויך דער טאַטע קומען
מיט זיין טלית, מיט זיין סידור;

באַלד וועט אין דער שטוב זיך ווידער
הערן טאַטעס ניגון ברומען;
אויף די ליפּן — זוהר-בלומען
זיך צעבליען, זינגען לידער.

נאָר אָט עפנט זיך די טיר אויף
און מיט רעשדיקן טירוף
בלאָזט אריין א ווינט א קאַלטער.

לעשן זיך די ליכטלעך אויסעט.
ס׳ליגט דער טאַטע גאָר און גוסעט
אין דער ווינטער-נאַכט צעשטראַלטער.

יד

נייער דור! מיט אויפגעפלאַמטע אויגן
כ׳זע דיך אויסגעשיילט פון געטאָ-הויטן;
פון אלטן יאוש-קלייד, פון טרויער-צויטן,
איבער תהומען — צו דער זון געצויגן.

ס׳איז דיין גייסט — געשפאַנטער פייל-און-בויגן,
איבער קברים שווינגט ער, איבער טויטן.
אינם מאָרגנשטערן גליאיק-רויטן
מיט א מדבר-דורשט זיך איינצוזויגן . . .

נייער דור! קען העכסטער פעלז פארצאמען
פלי פון אלבאטראָסן איבער ימען?
קען דער שארפסטער שטיין פון שונא גרייכן

אָט-דיין אָדלער-שווונג אין הימל-הייכן?
אָ, נייער דור, אָ טרוים פון פאָלקסגעמיט —
אין גורל-גאַנג מיין ליד נעם אויכעט מיט.

איבער דער שוועל

וואָרט

אין העלן ליכט — א טונקעלע געשטאַלט:
דער גוף אין שאָטן, קאָפּ — די שקיעה צינדט.
די אויגן שפּיגלען מילדקייט פון א קינד
און פון די הענט דער צער פון וועלטן קוואַלט.

אָ, רעגנבויגנדיק דיין וואָרט עס שטראַלט!
אָט קומט עס ווי א וואָלקן און פארשווינדט,
אָט לייכט עס ווי א טייך אין זון און ווינט,
אָט ווי אַ רעגנרויש אין טיפן וואַלד.

אָט איז עס צאַרט און דין — אַ זילבער-פּלייט
און וויגט די ערד אין גרינער וויג פון פרייד.
און פּלוצלונג ברעכט עס אויס אין צאָרן-וואוט.

דאַן בליצט דיין וואָרט מיט שאַרף פון גיליאָטין
און פלאַטערט, ווי אַ פאָן אויף א רואין,
און שאַלט, ווי ים-אויפשריי, פול קראַפט און מוט.

שליחות

מיט ברענענדיקע ליכט צוויי אין די הענט
ארויסגעגאנגען ביסט אנטקעגן מיר.
עס האָט דורך אָפן-אויפגעפּראַלטער טיר
דיין ליבשאַפט ווי א זון ארויסגעברענט.

אָ, רבי מיינער, פאַרכטנדיק גענענט
דיין טרייער שליח פון דער ווייט צו דיר.
די מידקייט הילט מיין גוף איין און איך שפּיר
דעם בליק דיינעם מיט פרייד צו מיר געווענדט.

דיין שליחות איז שוין אויסגעריַיפט און כ׳ברענג
די פרוכט אירע פאר דיר איצט א געשענק:
אָ, זע איר צייטיקייט ווי פול און העל . . .

די גרויע וואָך אַריבער בין איך שוין
און ס׳פינקלט אויף די מלכה שבת-קרוין
מיט שיין פון ליכט און שטערן אויף דיין שוועל.

ל״ן

איר גייט אין אָוונט דורך די ווייטסטע העקן.
איר הערט דאָס שטילע זעגן פון די גרילן;
דעם גרויען ווינט זיין אָרעם נאַכטליד שפּילן;
דעם רויש פון נאַכט וואָס נעמט די ערד פאַרדעקן.

אין פּעלצלעך פּויערשע איר טוט זיך הילן.
אין האַנט אַן אַלטן, סענקעוואַטן שטעקן,
וואָס קען און ווייס די ווייטסטע וועלטן־עקן;
אין טאָרבע־ברויט דעם הונגער נאָר צו שטילן.

אָט קומט איר אין אַ קרעטשמע ווו באַהאַלטן
מיט יידן־רויש; מיט ליכט דורך לאָדן־שפּאַלטן;
אַ, צייט צו נאַכטן, אורחים פון די וועגן . . .

נאָר איידער ס׳לעשן זיך פאַרטאָג די שטערן,
איר שטייט שוין גרייט די טריט אין וועג צו קערן,
צו לאָזן זיך דעם ווייטן שליאַך אַנטקעגן . . .

דערמאָנונג

מ. ראַזומני׳ן

געדענקסט דעם רעגן? מיר זיינען געשטאַנען
אין גרויסער מענטשן־מענגע זאַלבעצווייט.
דו האָסט גערעדט און ס׳האָט פון דיינע רייד
געוויט מיט דראַנג פון יאָגנדיקע באַנען.

אַ, גוט וואָס טרוימען זיינען נאָך פאַראַנען,
וואָס ס׳קוואַלט ווו נאָנט אַ חברישע פרייד . . .
ווי גרויס דער צער איז, ווען מען איז צעשיידט,
און אויך די טרוימען ווי די בלומען וויאַנען . . .

און איצט אַ, ווען די נאַכט איז טונקל־גרויס
און כ׳קלאַפּ דאָס קורצע ליד אין האַרצן אויס,
דערמאָן איך זיך די רייד דיינע, דעם רעגנגאַנג

און, ווי דער רעגן, גייט אין מיר אויף אַ געזאַנג:
ווי גוט איז, חבר, אָט־דעם צער דערהויבן
צום עשאַפאָט פון ליידן און פון גלויבן! . . .

וואָלקן און צוויט

די פייגל שרייען-אויף אין אָוונט-ווינט.
עס שמעקט די גאַס מיט וואָלקן און מיט צוויט.
אַ שטיל געזאַנג קרייזט דורך דיין וואך געמיט
און ווי א טוי צערינט עס און פארשווינדט.

און ווי א וואסער-שטראָם, וואָס פליסט און רינט,
דיין לעבן זעסטו אָפּגיין און דיין ליד.
און נאָר פון חלום דיינעם — שטילע טריט
עס קלינגען אין דיין האַרצן אויף אצינד.

וואָס זיינען דיינע אויגן אַזוי בלאָ
אין אָט דער טיפער אָוונטיקער שעה
אָ, זאָג, פארבייגייער, אין שטילער שטאָט?

דאָס האָט דער פרילינג זיך געטאָן א וועק —
א פרייער, פליסנדיקער וואַסער-וועג —
און אומרואיק געמאַכט דיין וואַכן טראָט!

אַ גאָלדן פישל

א גאָלדן פישל, ווי אַ שקיעה-שטראַל,
עס פלאַטערט אום אין וואסער-גלאָז פארמאַכט.
דאָ פינקלט עס — א שטערן אין פארנאַכט
און דאָ — אין זון א בליציקער קרישטאַל . . .

דאָ שוימט עס אויף — א פונק פון וואסער-פאַל,
דאָ לאָזט עס זיך אין קרייזן שטיל-פארטראַכט;
דאָ, ווי א שטומע פלאַנץ פון היץ פארשמאַכט,
עס זויגט דאָס וואסער איין — ווי פון א קוואַל.

און שטיל אזוי, פון ברייטן ים בארויבט,
אין קליינעם וואסער-רינג פארגלאָזט, פארשרויפט,
דאָס גאָלדן פישעלע אין צער זיך קוועלט.

אָ, לעבן מיינס, פון גרויסער ערד פארדרענגט
און אין דיין שמאָלן רונד פאַריאָגט, פארענגט,
ווי גאָלדן פישל לעבסטו אוים דיין וועלט.

צו אַ מזרח־טענצערין

זילבער-רינגען קלינגען אויף די הענט.
ס׳שטראַלט מיט אַלטן גאָלד דער זיידן-באַנד,
ווי אַ וואָלקן אויפן שקיעה-ראַנד.
אין די אויגן פלאַקערט דער אָריענט.

ווו האָסטו די טריט דיינע געווענדט,
טענצערין פון זון- און מדבר-בראַנד?
אין דעם ווייטן, קאַלטן, פרעמדן לאַנד
האָסט דיין שיינקייט אוראַלטע פאַרשווענדט.

ווי אין ווינטער-וועלט אַ לאָטאָס-בלום,
וועלקסטו דאָ פאַרשלאָסן, שטאַר און שטום.
ס׳האָט די פרעמד דיין מזרח-ליכט פאַרשוועכט.

הערסטו ניט ווי אין דיין צאַרטן גוף
קלינגט צו דיינע זאַמדן אָפּ אַ רוף
און עס יאָמערן די מדבר-נעכט? . . .

אייזגאַנג

נאַכט. אונטער די ברענענדיקע שטערן
האָט דער ווייסער טייך זיין רו פאַרלאָרן.
ווי אַ חיה צו דעם יעגער-האָרן,
האָט ער וואַך צום ווינט געוומען הערן.

טאָג האָט אויפגעפלאַמט זיינע באַגערן.
אונטער הויט פון אייז — ווייס-איינגעפראָרן
האָט געיאָגט דאָס בלוט פון וואַסער קלאָרן,
פול מיט דראַנג פון שוימען און צעשטערן.

פלוצים, אין פאַרנאַכט, מיט ראַשן ברומען
האָט ער פול מיט קראַפט דעם אייז צענומען
און זיך לאָזנדיק אויף ווייטע וועגן —

פליסט ער ברייט מיט שטראָמען אויפגעקוואַלטע.
ווי קאָלאָנעס פון פּאַלאַצן אַלטע
ליגן זיילן אייז אויף זיינע ברעגן.

די גראָע מיל

די אַלטע מיל — זי רוישט און רעדט
זיך איבער מיטן טייך און מיט די שטערן.
דעם מילנערס טאָכטער וויל אין טרוים דערהערן
וואָס רעדט די אַלטע מיל אין נאַכט-שעה-שפּעט . . .

און אירע ליפּן מורמלען א געבעט:
אָ, אַלטע מיל — איך וויל דיין סוד געהערן;
פאַרטרוי אים מיינע נאַכטיקע באַגערן,
וואָס בליען בלומיק אין מיין ווייסער בעט . . .

אין שטילקייט פון דער נאַכט די מיל — זי שטייט
און ס׳פאַלן, ווי די שטערן, אירע רייד
אין וואַסער-שפּיגל טונקעלן און באַנגען.

דעם מילנערס יינגסטע טאָכטער לאָזט זיך גיין
אין לילן שלאָף-העמד דורך דער נאַכט אליין
דעם סוד פון גראָער מיל אין טייך צו פאַנגען . . .

קאַפּע־סאָנעט

דער סאַקסאָפאָן — ער יאָמערט פרעך און רוי:
ער וואָיעט ווילד, ער חוזקט און ער שעלט.
אַ וואָלקן רויך-און-רייד דאָס ליכט פאַרשטעלט.
איך זופּ מיין ביטער-וואַסער מיט א שטרוי.

און מיט דער שטרוי אין מויל איך טראַכט אַזוי:
אָ, שטרוי, דו גלגול פון א ווייטן פעלד —
ביסט זאַנג געווען, דו האָסט אין זון געקוועלט
און זיך גענערט מיט רעגן און מיט טוי.

אָ, ווער האָט פון דיין וואָרצל דיך פאַרשניטן:
האָט פעלד דיינעם אויף קאַפּע אויסגעביטן
און דיך פאַרטריבן אין מיין שמאָלער גלאָז?

צי קענסטו מיר דיין גלגול-סוד באַשיידן?
אָ, עפן אויף דיין מויל און הויב אָן ריידן,
און הויב אָן קלאָגן זיך: פאַרוואָס? צוואָס?

טאַמאַריסק

עס זינגט דיר מדבר-שטילקייט א געזאַנג,
אַ, היץ-צעלעכצטער, שטומער טאַמאַריסק;
ווען ס׳שלינגען זאַמדן איין דעם זונענדיסק
און קאַלטער מדבר-טוי איז דיין געטראַנק.

עס ברענען איבער דיר די שטערן באַנג . . .
אַט עפנט אויף די פינצטערניש איר פיסק
און זייגט דיך איין, אַ, בלינדער טאַמאַריסק,
אין אירע איינגעווייד — מיט שטומען קלאַנג.

עס וויבערט איבער דיר אָפּט דער סאַמום
און אָפּט פון א שאַקאַל — דער יאָמער-ברום . . .
און ווען עס ציט פאַרביי א קאַראַוואַן,

אין עלנט שטוינסטו אויף: וווהין? פונוואַן?
און אַט אַזוי — אין קברדיקער וויסט,
פאַרדאַרנט און פאַרצאָגט און דאָך — דו בליסט.

מ י ר . . .

א. היימאַנ׳עז

אַ, דו מיט דיין זיידנס לבנה אין האַנט,
מיט וואָרצלען פון דורות געבונדן די טריט;
און איך מיט די שטערן פון חצות אין מיין ליד,
מיט טאַטנס הבדלה אין בלוט-רויטן בראַנד —

מיר גייען, ווי ווינטן, דורך היימישן לאַנד,
ווו עלנטער זון-פאַרגאַנג דאָרנדיק בליט.
א הייליקער ברודער דער אָוונט — פאַרציט
די גאָלדענע פענצטער אויף מערב׳שן ראַנד . . .

דער אָוונט — ער פירט אונדז דורך שטעטלעך צעשפּרייט;
דורך פעלדער, וואָס זיינען שוין לאַנג ניט געזייט;
דורך טויערן-היילן אין שאָטנס געשמידט . . .

דער אָוונט — ער נויגט איבער אונדז זיינע הענט
און בענטשט דיר דיין זיידנס לבנה וואָס ברענט,
און הייליקט די שטערן פון חצות אין מיין ליד.

שטעטל

א

עס קלינגען העל די לעצטע טעג פון זומער:
ניגונים אַלטע, לאַנג-פאַרגעלטע שוין;
איעדער שטרוידעכל טוט אָן די קרוין
פון האַרבסטיקן, פאַרנאַכטלעך-שטילן קומער.

אָ, שטעטלעך יידישע אין שטילקייט-שלומער,
זיך שפּיגלענדיק אין טרויעריקן פליין . . .
ווי העלער אָפּגלאַנץ פון א שטיל געוויין,
עס פאַלט אויף אייך א מערב-שטראַל, א קרומער . . .

אָ, שטעטלעך יידישע, פאַרשטומטע פידלען,
מיט שטויב פאַרשאָטענע פון ווינטן-רידלען,
איר ליגט ווי קברים-בערגלעך הינטער פלויטן.

די וואָלקנס ציען איבער אייך פאַרלאָזן.
דער אָוונט וואנדערט אין די שטילע גראָזן
מיט ליכט געצונדענע אין פרי-האַרבסט רויטן . . .

ב

עס עפענען זיך די סופזומער-טעג,
ווי אַלטע ספרים פול מיט צער-געבעטן;
דאָס טיפע גאָלד פון זומער ליגט צעטרעטן
אין גערטנער, אין די וועלדער, אויפן וועג.

אין בלוי געהילט שווימט אָן פון מזרח-ברעג
די זון מיט ליכט זקנהשן און שפּעטן:
אַן אורח אָרעמער פון פרעמד פאַרבעטן
מיט מאָגערן געשענק אין זיין פאַרמעג.

אין שטילן ליכט פון טאָג די געסלעך ליגן
און ס׳שפּילט דער ווינט סופזומערדיקן ניגון
אַריבער פלויטן-סטרונעס ווייט אין פעלד . . .

און שפּעט ביינאַכט, ביים שיין פון קאַלטע שטערן,
אַן אַלטער סליחות-קול לאָזט באַנג זיך הערן
פון קליינע שולעכלעך מיט ליכט צעהעלט.

אין אָונטיקן הויז

איך זיץ אליין אין אָוונטיקן הויז.
דער קאָפּ אויף שוואַכע זיילן-הענט געלענט.
און פּלוצים נעמען זיך פונאַנד די ווענט
און כ׳זע אַ פעלד אין רחבותדיקער גרויס.

די זון פארגייט — א בלוטיק-רויטע רויז.
און אויפן פעלד א הרוג ליגט און ברענט
אין זון פארגאַנג. זיין פּנים איז געווענדט
צו מערב. זיינע פיס — אין אָוונט-שוים.

ס׳איז שטיל ארום. ווי אין א ברונעם שטיל.
די לופט איז גרין, ווי גלאָז, און זילבער-קיל.
נאָר אויגן פונם הרוג ברענען רויט

און שפּיגלען זיך אין שקיעה און אין טויט.
פארשווינדט דאָס פעלד אין רחבותדיקער גרויס
און כ׳זיץ אַליין אין אָוונטיקן הויז . . .

נאַכט

איך ליב דיך, נאַכט, מיט אַלע מיינע טיפן,
ווען ס׳זינקט אין שטילקייט איין מיין וואָך געהער,
ווי אויג אין טיפן אָפּגרונט פון א טרער,
אָ, נאכט מיט סוד פון טונקעלע העראָגליפן.

ווען ס׳שווימען שעהן אָן, ווי בלאָע שיפן,
אויף וואסערן פון חצות, אַ פול און שווער:
ווען ס׳איז די ערד פאַרבראשית׳דיק און לער
און נאָר די קאַלטע שטערן-שטראַלן טריפן . . .

פרעמד איז מיר דער טאָג אויף זיינע פלאַכן,
ווען ס׳צאַנקט מיין זעל — אַ ליכט באלד אויסגעלאָשן:
ווען ס׳שלומערן די כוחות — שטום, אָן לשון . . .

אָט קומט די נאַכט און ריגלען שפּאַרן, קראַכן,
עס עפענען טויערן זיך, היילן, קוואַלן
און ס׳נעמט מיין גייסט פון אלע תהומען פראַלן . . .

זון־פאַרגאַנג אין פרילינג

א

אין א רויטער טאָגע פרילינג גייט
איבער קברים, וואו די גראָזן גרינען,
איבער חורבות, וואו די שטומע שפינען
האָבן גראָע נעצן אויסגעשפרייט . . .

פרילינג האָט אין גוף מיינעם פאַרזייט
ווייטאָגן, ווי דערנער אויף רואינען.
וועט זיך ווער אויף ווילדער ערד געפינען
רייסן דערנער פון מיין אינגעווייד? . . .

אָ, זון־פאַרגאַנג אין פרילינג, זון־פאַרגאַנג —
א רויטער הימל־שלייער פלאַטערט באַנג —
ביסט א גאָלדנער בעקן בלוט, וואָס גיסט
אַריין זיך אין דער נאַכט — אין טונקלען קוואַל;
ביסט א רויט־געפאַרבטער וואַסער־פאַל
פון גאָלדנע בערג — אין מדבר לער און וויסט . . .

ב

אָ, זון־פאַרגאַנג, דו ביסט א גאָלדנער בוים,
אויף וועמענס צווייגן־הענט דער אָוונט הענגט:
א האַרף אין ווינט, וואָס ציטערט, וויינט און בענקט
נאָך שפיגל־ליכטער פון אַ רויטן טרוים . . .

אָ, זון־פאַרגאַנג, דער טאָג שוין פינקלט קוים,
אָ, זע, ער האָט זיך שטום אוועקגעשענקט
דער טונקלער ערד, פון העלער ליכט פאַרדרענגט,
די ראָזע שלייערן אין הימל־רוים . . .

איצט ביסטו — זיפץ פון בלום אין בלויער לופט:
אַ פייגל־שטים, וואָס קלאָגט אין חשך, רופט:
פון זעל פאַרפייניקטער — א מיד פאַרלאַנג,
וואָס שטייגט צום הימל אויף: א רויך־געזאַנג:
אַ טויען־טרער, וואָס פאַלט אויף גראָזן דין:
א וואָלקן, וואָס פאַרגייט ווער ווייס וואוהין . . .

דעראינערונג

אָ, האַרבסט, דו שפּיגל גאָלדענער, וואו ס׳רוט
דעראינערונג-שיין פון דער אלטער צייט, —
אָ, ווידער לויכסטו פון טונקלער ווייט
אין פורפור-אָפּגלאנצן פון פרילינגסגלוט . . .

אָ, זע — א רעגנבויגן שטראלט מיין בלוט
פון הויט-און-פלייש-געוועב מיט פרייד באפרייט;
א טייך, וואָס פלעמלט אין דער זון — באנייט
מיט זילבער-פאַנצער און מיט שטראָמען מוט.

אָ, ווידער זויגן דורשטיק בליקן איין
דאָס ראָזע מאַרגנליכט, דעם שקיעה-שיין;
די הימלען פול מיט ליבע און מיט רו . . .

נאָר אויך דער פרילינג גיך פארלעשט זיין ליכט,
ווען נעפּל-שלייער דעקט צו דיין געזיכט,
אָ, ווייטער האַרבסט, אָ, שפּיגל גאָלדנער דו . . .

רויטע מערן

די שטילקייט אין שפּיטאָל-צימער איז מילד און בלאָ.
אין פענצטער שיינט פארקלערט א גרינער שטערן.
אין בלאַסן שוועסטער-קלייד — קוים-קוים צו הערן —
עס שלייכט אריין מיט פרומע טריט די חצות שעה.

נאָר קליינער דאָרפסקינד טוט די רו צעשטערן —
ער האָט אין פיבער-טרוים דעם דאָרף פאַררופן דאָ:
די כאַטע און דאָס פעלד און אויך די שווארצע קראָ.
נאָר וואָס אים פעלט גאָר — זיינען רויטע מערן.

ער זעט אין רעדער זוניקע זיי בליען,
און זיינע הענטלעך שטראַלן, גליען, פליען:
אָ, רויטע מערן גיב אים, רויטע מערן . . .

אָ, ווער וועט רויטע מערן קענען ברענגען,
דאָרפסקינד, צו דיין פיבערדיקן בענקען,
ווען אכזר טויט וועט קומען און פארווערן?

אלטאַרן

בין הבתרים

אונדזער פלייש אויף שטיקער איז צעשניטן;
ס׳לאָקערט רויך-און-פלאַם פון תהומען-שלונדן;
דאָס מזבח-פייער — אָנגעצונדן:
און דיין זעאונג, גאָט, האָט אונדז געמיטן.

גיין מיר צווישן ווענט פון פלייש אינמיטן;
ס׳שטראָמט דאָס פרישע בלוט פון אלע וואונדן;
אלע גורל-ווייען אויפגעבונדן;
ווער אונדז פון עקדה ווער פארהיטן?

ס׳קומען פון די הימלען פויגל-פליקער
און צעשנאָבלען אונדזער פלייש אויף שטיקער;
און א מבול גיסט, שווין אלץ פארגאָסן,

דעם מזבח-פייער אויך פארלאָשן — —
נאָר דיין זעאונג, גאָט, דורך רויך און פלאמען
האָט דער ווינט פארוויט אויף אלע יאַמען.

געבעט

דאָס האַרץ, וואָס טוט אין אנגסט צו רו זיך ציען —
ווי אָפט עס רייסט זיך צו דער מאַרטער-באַנק;
כאָטש ס׳איז פון דורות-לאַסט און יאוש קראנק
און זיינע האָפנונגען — אָן פליגל פליען . . .

כאָטש לידער מיינע ווי די שפיגלען גליען
אין טרויעריקן גאָלד פון זון-פארגאנג —
ווי וואָלט איך, שיכור פון מיין לייד-געטראַנק,
פאר עשאַפאָטן — ווי אלטארן — קניען . . .

אָ, גורל, פליק מיין רו, וואָס איז מיר פרעמד,
און שליידער מיך אוועק צו יענע ברידער,
וואָס קלינגען אין דער נאַכט מיט שווערדן-לידער;

וואָס צייכנען זייער זיין מיט בלוט אויף העמד
און שטארבן יונגע אין די שלאַכט-טראַנשייען,
צי אויף די תליות אין דעם שונאס שנייען.

ברען, לבנה . . .

און אויף דער שפּיץ פונם וועכטער
ברענט די לבנה פון האַלבער נאַכט.
פושקין.

ברען, לבנה, אויף דער שפּיץ פון וועכטער!
אויפן תּפיסה-הויף די ווייסע שעה'ן,
ווי די וועלף אין שנייען-סטעפּ, זיי וואָיען
אויף דער שטילקייט — אומהיימלעך-פאַרשווועכטער.

הינטער גראַטעס וואַכט א חבר — פלעכט ער
אייך זיין תּליה-שטריק ביז מאָרגן גראָען;
און א צווייטער — צו דעם שניי, דעם בלאָען
שיקט א וואַנזיניקן בליץ-געלעכטער . . .

ברען, לבנה, אויף דער שפּיץ פון וועכטער!
שטעך אַדורך מיט דיינע פיילן-שטראַלן
האַרץ פון נאַכט — געפּאַנצערטער און שלעכטער.

סייווי קומען וועט דער טאָג גערעכטער,
סייווי וועט דיין תּפיסה-מויער פאַלן.
ברעך לבנה, אין דעם שפּיץ פון וועכטער!

צו אַ ברודער־פּאָעט

עס זילבערט ניט דיין וואָרט מיט ביימער-צוויט,
עס גאָלדיקט ניט מיט שפּיל פון שקיעה-פארבן;
עס רעדט, דערמאָנט פון ווייטאָק און פון שטאַרבן
און פונם פּיין, וואָס פינצטערט אין געמיט.

ווי זון אין דערנערדיקער היץ, וואָס גליט,
עס טוט די רייפסטע פרייד־פעלדער פארדארבן;
עס זאמלט איין און בינדט אין שווערע גארבן
די זאנגען-שפע פונם טרויער-שניט . . .

דו טראָגסט אין זיך אַ שווערן, ווי אַ שטיין,
דעם יאָמער פון די דורות, דעם געוויין,
וואָס קוואַלט יאָרטויזנטער אין אונדזער ערד.

פינצטער איז דיין וואָרט, פינצטער, ווי א וואַלד,
נאָר אין דער פינצטערניש איך הער עס שאַלט
דאָס קול פון א טראָמפּייט און — ס׳בליצט א שווערד.

גורלות

אונדזערע גורלות, ווי די קייטן,
האָבן זיך מיט לייד צונויפגעבונדן:
ווי אַ ליכט אין היילן אָנגעצונדן,
נעמט אַ חלום אין מיין זעל זיך שפּרייטן.

רופט באַגינען מיך אויף זילבער-פליטן?
דעקט פארנאַכט מיט גאָלד צו מיינע ווונדן?
ס׳איז די וואָר — א טייך — פון מיר פארשוווּנדן,
ווי א וואָלקן פונם ווינט צעווייטן.

אין דער שטילקייט אונדזערע קייטן קלינגען,
איבער תהומען ציטערן די רינגען,
ווי די שטערן איבער וואסער-טיפן.

ווייטן, נאָענטן נעמען זיך צוזאַמען,
אונדזערע גורלות ווי די פלאַמען —
אויפן ים — פון ברענענדיקע שיפן.

תפיסה

הינטער גראַטעס נאַכט — א זילבער-שפּיגל,
שאָטנס וועבן זיך אויף ווייסער וואַנט.
ווי א בוים ביים טייך — דער אַרעסטאַנט.
ס׳וואַכט די נאָרע, ווי א קינדער-וויגל.

לבנה עפנט אויף איר כישוף-עגול.
געהיים צו תפיסה-מויער שלייכט זי, שפּאַנט.
אין דער שטילקייט — איר געשלאַנקטע האַנט
וועקט חלומות אויף מיט העלע פליגל.

ווי א בינשטאָק, זומט די תפיסה מונטער
און צעבליט זיך, ווי אַ גאָרטן בונטער,
רייף מיט קלאַנג פון לייב, מיט פרייד צעשאַלטער.

נאָר באַגינען, ווען עס גרינט דער מאָרגן,
ליגן די חלומות אויסגעוואָרגן
און עס הענגט דער ארעסטאַנט א קאַלטער.

ערד פון עשאַפאָטן און אַלטאַרן

פארקייט מיך, תליון, פעסטער מיט דער קייט;
שלאָג מיך מיט דיין האַק, האַרגע מיט דיין שפּאָט;
אָ, שלעפּ דיין קרבן צו דעם עשאַפאָט
און נעם פארקלייד מיך אין דעם תליה-קלייד.

מיט אויסגעפייניקטער און העלער פרייד
ברעכט-אויף דער מאָרגן אויף מיין לעצטן טראָט;
באַגינען שפּרייט זיין רו אויף מיר, ווי גאָט,
וואָס האָט אויף וואַסערן זיין גייסט פארשפּרייט.

די זון באַגילדט די תליה, ווי א טראָן . . .
אָט פלאַטערט אויף די שטריק — א פרייהייט-פאָן
הויך געהויבן איבער דורות צערן.

באַלד-באַלד פאַלט צו מיין לויטערער געביין
צו זאַמדן דיינע, צו דיין יעדן שטיין —
ערד פון עשאַפאָטן און אלטאַרן . . .

אויף וואַגשאָל פון דער ערד

א י י ז י ק ׳ ז

פאַרפלויגן ביסט ווי פויגל וואָס פאַרפליט —
פון ווענט מיט טונקלקייט פארהאַנגען;
פון יאָרצייט-ליכט, פון איכה-קלאַנגען;
פון דורות׳דיק דערשלאָגענעם געמיט . . .

צו גרויסער וועלט געווענדט האָסט דיינע טריט,
ס׳האָט נייע צייט דיין מוט געפאַנגען;
אין הארץ פון בלוטיקע געזאַנגען
אריינגעשניטן האָסטו אויך דיין ליד.

דער אַלטער טרויער האָט עס בלוטגענערט;
דער הונגער האָט געשאַרפט עס ווי א שווערד;
דער צאָרן האָט געשענקט דעם וויי פון פאַנען . . .

און אינם שלאַכט, אויף וואַגשאָל פון דער ערד
דיין ליד האָט ווי א שטיין אַראָפּגעשווערט
דעם קומענדיקן גורל פון מיליאָנען.

עשאַפאָט

אין רויטן זון-ליכט גלאַנצט דער עשאַפאָט,
באַגינען שמעקט מיט מאַי-בוים און מיט בלוט.
פון תפיסה-טויער שפּאַנט דער יונגער ברוט,
ווי פליגלרויש עס וועקט זיך ווייט די שטאָט;

זיין גוף אַ יעגער-פייל געשאַרפט מיט שפּאָט;
זיין פויסט א שטיין, זיין לאַך — א שאַרפע רוט.
נאָר אין די אויגן בלויער פרילינג רוט
און כוואַליעט ווי א טייך אונטער זיין טראָט.

עס שפּיגלט זיין געזיכט אין זון- אויפגאַנג,
אין וועל פון ווינט, אין ליכט פון פייגל-קלאַנג,
אין ווייסן בוימער-צוויט, אין מאָרגן-דופט.

נאָר שטאָליק-קאַלט — דער שאַרפער מעסער וואַרט
אויף האַלדז זיינעם, ווי פרילינג, רייף און צאַרט,
און ווי א מוטער-שוים די ערד — זי רופט.

שליסלבורג

לייענענדיק ווערא פיגנער

אָ, שליסלבורג, דו פעסטונג פונם צאַר,
אויך אין דיין קבר-לופט די פרייהייט בליצט,
כאָטש לייד איז אין דיין באָדן איינגעקריצט,
ווי אין שילאָן די טריט פון באָניוואַר . . .

אָ, זע אויף דיינע טורעמס — וואַך-באַשיצט —
פלאַמט אויף דער טאָג און ווישט אַראָפּ די צער-
און וויי-שפּורן פון קינד דיינעם — בונטאַר —
וואָס האָט די גראָע ווענט מיט רויט באַשפּריצט . . .

אָ, שליסלבורג — דו קלאַנג פון שלאָס און קייט —
דאָ האָט דער טויט זיין זאָמען שטום פאַרזייט,
דאָ האָבן ליכט פון פיין געברענט פאַרשמאַכט

אין איינזאַמער, אין יאָרן-לאַנגער נאַכט . . .
נאָר איבער דורות-באַרג בלייבסט שטיין — אַלטאַר
פון גורל-קאַמף, פון זיג דורך בלוט און צער! . . .

ברידער

נח־יצחק׳ן

נאָנטע מיינע, ווייטע מיינע ברידער,
איבער אומעטיקער ערד צעשפּרייט,
ווו האָט אייך דער שטורעם-ווינט פאַרווייט —
פון מיין לייב די בלוטנדיקע גלידער?

בענקט איר ניט צונויפקומען זיך ווידער,
אַריינוואַקסן אין גוף מיין שטומערהייט?
ווי א קלייד, מיין הויט פאַר אייך איז גרייט
און דאָס האַרץ מיט אַלע זיינע לידער . . .

אָפטמאָל זע איך אייך אין וואָלקנס גליען
און מיט פייגל דורך די הימלען ציען,
אָפט פאַרנעם איך אייער רוף אין ווייט.

נאָר ביינאַכט, אין פינצטערניש פאַרשלאָסן,
ווען מיין חלום-ליכט איז אויסגעשלאָסן,
פון מיין בלוט אַרוים איר קלאָגט און שרייט.

פאַרטאָג

איך האָב היינט ערב טאָג געזען אזא בילד:
דורך גאסן פינצטערע, וואָס שמעקן פרום
מיט מאָרגן-תפילה און מיט גלאָקן-ברום —
געגאַנגען איז אַ סטאַדע שאָף אין שטויב פארהילט . . .

און איבער זיי א בייטש א דינע האָט געשפּילט
דאָס שחיטה-ליד אין פיבערדיק געזשום . . .
געגאַנגען איז די סטאַדע שטיל און שטום,
מיט אַלטער פחד-קילקייט אויסגעפילט.

און ס׳איז געווען א שטילער, לעצטער גאַנג
אין דעם פארטאָג צום וויטן קוילער-שטוב.
און ס׳איז געווען א שטילקייט אינם בייטשן-קלאנג . . .

שטערן זיינען איינציקווייז פארשוואונדן
און, ווי א ליכט איבער אַ טויטן-גרוב,
האָט זיך דער טאָג, א בלייכער, אָנגעצונדן.

איינזאַמע אַלטאַרן

אָ, זינג דיין טאַנגאָ-ליד מיר, זינדיקע מאַדאָנע.
עס ווייט פון אים מיט בענקשאַפט פון אזויפיל יאַמען:
דו נעמסט מיין הארץ אריין אין דיינע קלאַנגען-פלאַמען,
ווי ס׳נעמט מיין טרוים אויף אירע פליגל — די לבנה . . .

עס גליט אַ הייסע טרער פון א פארלאָזטער מאַמען
אין דיין גיטאַרע — אָ, דו הינטער-גאַסן-נאָנע,
ווען ס׳טראָגט די האַלבע נאַכט דיר אונטער א מתנה —
א בלאַס לאַמטערן-שיין אין טונקלע שאָטן-ראַמען.

אָ, הארץ! ס׳קלאָגט דער ווינט, ווי אונטער שטורמס לאַסטן
אויף שיפן ערגעץ-ווייט — זיך ברעכנדיקע מאַסטן:
דאָס ווײנט דיין וויטע היים אין טאַנגאָ-ליד פארטריבן:

דאָס וויינט דיין חלום ערגעץ אין אַ הארבסט א טריבן . . .
נאָר ס׳לויכטן שטערן אויף — אויף דיינע טראָטואַרן,
ווי פינקלדיקע ליכט אויף איינזאַמע אַלטארן . . .

אין דער פינצטער

ווי א פלאַם אין קויל אַריינגעשלאָסן —
הינטער גאַסן, צוימען, טיר און שוועל
אין דער פינצטער פלעמלט אויף מיין זעל,
ווי גאָט׳ס דאָרן אין דער וויסט פאַרלאָזן . . .

אָפּטמאָל ווי דאָס הארץ אין וואָלפן-פעל,
ווען דער האָרן אומרואיק טוט בלאָזן —
שרייט געמיט נאָך האָפנונג-ליכט. פאַרלאָשן
דער געשריי בלייבט שטעקן אין דער קעל.

הינטער הויפן-היילן, הינטער ווענט
פריער פרילינג אין די גערטנער ברענט
און עס דופטן סעדער ראָזן צווייט — —

נאָר אין טיפע ווינקלען פון מיין וועלט
ברענט דאָס אייל-קנויט פון מיין זעל און העלט
צו די דורות-שאָטנס צוגעשמידט . . .

חצות

ווי מאַנפרעד ביי דער ליכט אין טיפער נאַכט,
אָ, פיר מיך צום באַשעפער, מיין געדאַנק!
דאָס לעבן מיינס פון האַנט זיינס א געשאַנק
כ׳האָב אָפּגעהיט, באַשירעמט און באַוואַכט.

כ׳האָב דורכגעטראָגן עס דורך לעבנס-שלאַכט
אין גוף — ווי אין א כלי א געטראַנק.
כ׳האָב מיין גייסט געניגט אין טיפן דאַנק
און ריינסטע ליב-לידער פאַר אים פאַרטראַכט.

נאָר איצט, ווען ס׳ברומט אין מיר מיין טיפער צער,
בין איך דער קנעכט, וואָס לייקנט אין זיין האַר
און גיסט דאָס לעבן אויס, ווי וויין אויף דר׳ערד.

באַשעפער! איך דיין פאַלשע קעניג-קרוין,
זע, וואַרף דיר אין געזיכט צוריק דיין לוין
און בעט נקמה פון דיין שאַרפער שווערד!

קרעדאָ

ניט דער, וואָס זעט בלויז שפּיל פון זונען-שיין
און זעט ניט ביי זיין טראָט דעם אָפּגרונט: נאַכט,
ניט דער, וואָס זעט דעם מענטשן, ווען ער לאַכט
און הערט ניט זיין געוויין — קען נאָנט מיר זיין.

ניט דער, וואָס וואָרט זיינס ביליקער פאראַכט
דער תהום פון לייד, דעם אָקעאַן פון פּיין
און זוכט נאָר לוסט, ווי שיכורער זיין וויין,
קען אָנטרינקען מיין גייסט — נאָך וואָרט פארשמאַכט ...

אָ, דו, וואָס שפּירסט דעם וואָלקן אויפן קאָפּ;
די גרוב, וואָס וואַרט ביים סוף פון וועג דיך אָפּ;
דעם טרויער פון דער וועלט: דאָס בלינד געוויין

פון נישט געבוירן קינד אין מוטערס בויך;
דעם אויפבראָך פון דער זון דורך נעפּל-רויך —
אָ נעם מיך מיט, איך לאָז זיך מיט דיר גיין! . . .

ס י ל ו ע ט ן

דוד פראַנקפורטער

אין קופּער-רערן צאַנקען שוין די ליכט.
די שול זינקט איין אין שאָטנס און אין נאַכט.
ביים פענצטער שטייט דער אַלטער רב פאַרטראַכט.
א ווייסער שטערן גרויט אויף זיין געזיכט.

אָ, קומען זאָל דיין הילף, גאָט, אומגעריכט:
עס קלאָגן הענט אין תּפילות שטאַר-פאַרשמאַכט.
עס זיינען הימל-טויערן פאַרמאַכט.
און ס׳טורעמט זיך די נאַכט אויף, שיכט אויף שיכט.

נאָר הויך אַריבער אייגענעם געוויין
שטייט שטאָלץ זיין זון אין שטערן-שיין אַליין.
א טייך פון לייד פליסט טיף אונטער זיין טראָט.

אָ, נישט קיין טרער הויבט ער צום הימל אויף —
א פויסט א בייניקע גרייכט הויך ארויף
און וואקסט אריבער וועלט, אַריבער גאָט.

י. ח. ברענער

די פויסטן פאררינגלט, צעשויבערט די באָרד,
די אויגן ווי היילן, אין טאָגליכט פארגלייזט . . .
עס יאָמערט אין וואַלד פון די דורות דיין גייסט
און ס׳שרייט נאָך א תּיקון די שעה פון דיין מאָרד . . .

ווי שיף אין אַ שטורעם, האָסטו אומגעשפּרייזט;
ווי שיף, וואָס געפינט ניט אויף ימים קיין אָרט . . .
האָסט ווייטאָק געשניטן מיט מעסער פון וואָרט
און הונגער מיט פאַסן פון ווייטאָק געשפּייזט . . .

עס האָט דיין געמיט טיף געוואונדיקט מיט ריסן —
דו האָסט אים געשליידערט אין שלונג פון געוויסן;
געבריט דיינע טריט האָבן שטיינער און דערנער

און ס׳האָט דיך דער גורל געשטויסן מיט הערנער.
נאָר כ׳זע שוין דעם דור, וואָס וועט טיילן, ווי ברויט,
ווי ליכט און ווי וואַסער — דעם זין פון דיין טויט . . .

ספּירידאָנאָוואַ

מאַלצעווער תּפיסה. סיביר. קאַזאַמעט.
טיף־נאַכטיקער גליווער אויף וויאָרסטיקע שנייען.
עס פאַכעט דער קנוט און עס שפּריצן געשרייען,
און ס׳פיבערט די נאַכט, ווי אַ בייזער פאַרראַט . . .

ווי שטערן, עס פלאַקערן העל דיינע ווייען;
ס׳לויכט, ווי אַ פאַקל, באַפרייערשער טאַט;
די גליאיקע פונקען פון דיין אַטענטאַט —
ניטאָ אַזאַ שטורעם, וואָס זאָל זיי פאַרוויייען.

אָ, מאַלצעווער תּפיסות, סיבירישע קייטן.
אַריבער די דורות זיי טוען זיך שפּרייטן;
אַריבער די דורות די שטילקייט טוט שפּאַלטן

פון מענטשלעכע ליידן די טיפע געוואַלטן.
נאָר קאַמף דיין געדעכטער — אַריבער די צערן;
אַריבער די תּהומען פון בלוט און געפערן.

לייוויק

איך גיי מיט דיר אין שנייוויייסן סיביר.
כ׳זע לבנה־שיין הינטער די גראַטן.
כ׳הער דעם קייטן־קלאַנג פון קאַזעמאַטן;
דעם פרייהייט־שריי אין אייזיקן געפריר.

אַט לויפט דיין וועג קיין פראַג. און איך מיט דיר.
ס׳בליצט אין פינפער־טורעם־ליכט אין מאַטן
דעם גולמס האַק מיט אויסטערלישע טאַטן . . .
אָ, תּנחומס פייער־וואָגן קרייזט אין מיר . . .

סיביר און פראַג . . . עס שטראַלט אין דאָפּל־ליכט
פון יעדן העלד דיינעם דאָס פיין־געזיכט,
צי הייסט ער לעקערט אָדער אַבעלאַר.

דעם זין פון לייד דו האָסט מיר העל געמאַכט;
די פייערן, וואָס בלאַנדזשען אין דער נאַכט;
דעם גלויבן־פונק, וואָס שלאָגט אַרויס פון צער.

א. ליעסין

דו עפנסט טויערן און פירסט אריין
אין דורותהיילן — אונטערערדיש, אַלט;
ווי אָט דער בליץ-און דונערדיקער גוואַלט,
וואָס צינדט מיין רו — א סנה אין פייער-פיין . . .

נאָר בלאָער, דינער, קדמונדיקער שיין
פון הייליקע אַלטאַרן ליכט - צעשטראַלט
אויף היילן-ווענט, אויף דורות-שטיינער פאַלט . . .
זיי שפיגלען זיך אין שקיעהדיקן ווייַן.

אָ, שקיעהדיק, ווי פאַרמעטן צעהעלט,
ווי פנקס-בלעטער טרערנדיק-פאַרגעלט,
דיינע לידער - ליכטער ברענען אין געמיט . . .

נאָר ווי אָפט — אין דעמער פון פארנאכטן
כ׳הער אין זיי דעם רויש פון וויטע שלאַכטן
און אויך פון דורות קומענדיקע — טריט . . .

משה־לייב האַלפּערן

אַריבער ניו-יאָרק, אין צעצונדענעם רוים
דיין גילדערנע פּאַווע דערזע איך — זי פליט,
פון וויט-ברייטע ימים אין לאַנד דיינס זי ציט
צו קלאַפּן אין טויער פון פינצטערן טרוים.

אריבער ניו-יאָרק, אין העל-שטערנשן שוים,
אָ, זרחי דיין פעטער, מיט בלייך ווייכע טריט
ער שלייכט און עס וואַקסט אוים ביי דיר אין געמיט
זיין ענדלאָזער טרויער אַזוי ווי א בוים . . .

עס האָט דאָך דיין זרחי צום ים דאָ געבראַכט
זיין ליכט און זיין שטענדער, זיין ניגון ביינאַכט
צו וויגן, פּארוויגן זיין אומעט, וואָס קוועלט . . .

אָ, זינגער אין זון-פארגאַנג, עלנט-אַליין
ביים ים-ברעג צוקאָפּנס מיט ליד, ווי א שטיין,
דיין וואַלפישן יאָמער דו שליידערסט דער וועלט.

יעקב שטערנבערג

ווי א גאָלדן-אויפגעשטראַלטער פעכער
פון לבנה-טורעם — עלפנביין —
פליט קאַליברי דורך דער נאַכט אַליין
איבער קוימענעס, קופּאָלן, דעכער.

יאָגט איר נאַכט — אַ שלאַנג — פון אַלע לעכער,
בייטשט איר, ווי א בליץ, א דין געוויין:
אַט-אַ פאנגט איר שטאָט אין שטייג פון שטיין,
נאָר קאַליברי פליט אַלץ העכער, העכער.

ביי א פענצטער אונטער שטערן-ליכטער
וואַרט זי אָפּ דער בלייכער אָוונט-דיכטער:
זיינע בליקן פלאַטערן אין רוים.

קאַליברי, ווי אַ שטראַל פון מזרח-ברעגן,
פליט דעם איידלען ריטער גלייך אַנטקעגן;
ס׳וואַכט דער גאָלדנער טויער פון זיין טרוים.

לענגסטאָן היוז

אָ, לענגסטאָן היוז, דו נאַכט-פארביקער דיכטער,
פונוואַנען שטראָמט דיין שוואַרצער טרויער, זאָג?
פון דזשעז, וואָס לאַכט ביינאַכט און וויינט פאַרטאָג,
ווען ס׳לעשן זיך אין קאַבארעט די ליכטער?

און אפשר קוואַלט דיין וואַיענדיקער קלאָג
פון יענע נאָנטע דיינע פיין-געזיכטער,
באפאלענע אין טויט-שרעק אומגעריכטער
פון לינטש-געשריי אין באָסטאָן אויף א ראָג?

און אפשר גאָר עס יאָמערט אין דיין ליד
אַן אור-חיה אין אורוואַלד — אַלט און מיד?
און אפשר אין לבנהדיקע נעכט —

דיין דזשונגל-וויג וואָס הוידעט זיך פארשוועכט?
איך הער דעם רויש פון אפריקאַנער פּאַלמען
אין דעם געוויין פון דיינע לידער-פּסאַלמען . . .

באַדלער

אומהיימלעך דיין סימבאַלן-וואַלד פאַרלאָקט,
ווי אין אַ טרוים — מיך פירט ווער אין אים אום:
דאָרט, ווו די פּענצטערניש צעהעלט זיך שטום,
ווו פרייד פאַרגייט — נאָך איידער אויפגעטאָגט.

דאָרט, ווו דער פּחד אימהדיק — ער קלאָגט:
ווו יעדע זעל — אַ דאָרנדיקע בלום
איר טיפן זיפץ — אין תהומיקן אַרום
דער ווינט אויף זיינע פליגל שטיל צעטראָגט.

אין בלאָנדזשע שטאָר אין מלכות פון דיין צער,
אָ, דו, וואָס האָסט דיין ליד געשמידט — אָ, האַר
פון ליד — אין גאָלדנע קייטן שטאַרק און מילד . . .

פון קלאַנגען, פאַרבן, דופטן — מיין געמיט
אין תהום פון שיכרות זינקט אריין און קניט
פאַר דיין אַלטאַר, דיין ווילד און געטלעך בילד.

לי טאַי־פּע

אין צימער שוועבט פון רויזן בלאַסער הויך.
דער אָוונט בליט אין פּענצטער צאַרט און גרין.
דער פרילינג צווויטשערט, ווי אַ פויגל דין.
און לי טאַי פּע'ס געזאַנג שווימט אָן, ווי רויך . . .

לבנה פּעבערט גאָלדיק אין דער הויך.
עס העלט אַ וואָלקן-פּאַלאַץ פון בורשטין.
לבנה שטאַרבט. פון פּאַלאַץ ווערט רואין.
איך טרינק מיין וויין. און לי טאַי פּע טרינקט אויך.

און כאָטש יאָרהונדערטער מיך טיילן אָפּ
פון לי טאַי פּע'ס פאַרשיכורט - קלוגן קאָפּ,
דאָך זע איך נאָך דעם בעכער אין זיין האַנט.

איך גיס אין אים מיין ליד. מיין זעל איצט שאַלט.
אָ, שווערער וויין, יאָרהונדערטער שוין אַלט,
דערפיר מיך שיכור צו זיין וואונדערלאַנד.

וואַן־גאָג

דער גאָרטן פלאַקערט בונט אין מיט-טאָג-בראַנד,
אַ גאָלדנער טורעם — זון שטראַלט אין זעניט.
מיט וואקלדיקע, אויפגערוישטע טריט
דער זומער דורך די בלויע הימלען שפּאַנט.

עס ברעכט דער גאָרטן זיך פון ראַנד אויף ראַנד
מיט גרין-געוויקס, וואָס קלעטערט, קריכט און קניט.
די בלעטער לעכצן. גראָזן שמאַכטן מיד.
אַ, וויזיע פארביקע פון זומער-לאַנד!

נאָר אין דער פלאַמענדיקער פלאַנצן-בעט,
וואָס שלומערט שפּעדיק אין פאַרבן-זעט,
דער טרויער פון דער וועלט ליגט מיד און קראַנק.

אַהינטער יעדן גראָז און יעדן בלאַט
אין זון-ליכט איינגעגלימערט, שטאַר און מאַט —
עס קלאָגט וואַן-גאָג׳ס פארלאָזענער געדאַנק.

סאָנעטן צו ח. ראָווינאַ

ד י י ן ג ע װ ו י י ן

פון ברונעם פון די דורות שעפּ איך דיין געוויין:
אַ, דיין געוויין, וואָס איז יאָרטויזנטער שוין אַלט . . .
עס וויינט אַזוי א פינצטערער און שטומער וואַלד,
ווען שטורעם רייסט זיין לייב מיט הייסע בליצן-ציין . . .

עס וויינט אַזוי די וועלט אין רויטן זון-פארגיין,
ווען הויכער, העלער טאָג אויף שאָטנס שטום צעפאַלט;
עס וויינט אַזוי די טיפע פינצטערניש, וואָס קוואַלט
אין ערד פון ליכט פארשטעלט מיט שטויב און שטיין.

איבער אלע צייטן שטראָמען דיינע טרערן;
זיי ציטערן אין שטילן אויפשאַל פון די שטערן;
זיי רוישן שטורעמדיק אין כוואַליענדיקן ים — —

נאָר דורך דיין טרערן-נעץ ער ברעכט זיך שאַרף אַרויס,
ווי רעגנבויגן פונם שווארצן וואַלקן-שויס,
דיין אויפגעשטראַלטער, גליענדיקער גלויבן-פלאַם! . . .

ח נ י נ ה

ווּ ביסטוּ, מיין חנינה, הערסטוּ ניט מיין קול?
כ׳רוּף דאָך הויך צוּ דיר פוּן תפיסות און שפּיטעלער:
פוּן שטויב פוּן בוידעס, פוּן פינצטערניש פוּן קעלער:
אָ, קוּם און לייז מיך אוּיס פוּן בלוּט-פאַרפּלייצטן טאָל.

חנינה, ווי אַ פייל דיין גוּף איז שאַרף און שמאָל:
פוּן איעדער הענקער-האַק איז ער נאָך שמעלער —
צערייס דיין מדבר-קייט, קוּם באַפעל, באַפעלער! —
מיין בענקשאַפט שרייט צוּ דיר פוּן פינצטערן אַמאָל!

נאָר אַט באַווייזטוּ זיך אין טוּנקל-שוואַרצן טראַכט:
שלאַנק, וואַקלדיק און בלאַס, ווי אַ לבנה-נאַכט,
מיט הענט וואָס בענקען נאָך אַן אוּיסגעטרוימטער היים...

אָ, ווער וועט אוּיסלייזן דעם אוּיסלייזער אליין
פוּן אַט דער וועלט פוּן בלוּט, פוּן תליון און געוויין —
אָ, ענטפער מיר חנינה, מיר — דעם גוּף פוּן ליים?! . . .

שלום שוואַרצבאָרד

געבענטשט אוּיף אייביק איז דיין שטאַרקע האַנט,
וואָס האָט באַצאָלט דעם פיינט מיט פייער-צאָרן.
אַ שאָל געטאָן האָט דיין נקמה-האָרן,
ווי דונער-קנאַל, וואָס קוּמט מיט בליץ און בראַנד.

קיין טראָפּן בלוּט אוּמזיסט גייט ניט פאַרלאָרן —
דאָס האָט געוויזן אוּנדז דיין מוּט געשפּאַנט
אין שטוּרעם-בויגן פוּנם וויי-און-שאַנד,
וואָס האָט דיין זעל געשטאָכן, ווי אַ דאָרן.

אָ, מאַנער פוּנם בלוּט אוּנדזערס פאַרגאָסן!
איצט ביסטוּ טויט און שוין איז אוּיסגעלאָשן
דאָס גרויסע האַרץ, וואָס האָט אין וואוּט געבלוּטיקט

און אין דעם שווערן קאַמף אוּנדז אוּיפגעמוּטיקט. —
נאָר ס׳בלייבט דיין טאַט — אַ גורל-מאָנוּמענט:
אַ פלאַם אין דורות-וואַלד, וואָס העלט און ברענט.

יידנגאָס

(סאָנעטן־רינג)

א

איך טראָג אין זיך דעם קלאַנג פון אַלטע טעג,
וואָס זיינען לאַנג פאַרגאַנגען הינטער מיר.
מיר דאַכט: ביינאַכט זיי שטייען ביי מיין טיר
צו פאַנגען מיינע טריט אין זייער וועג.

און שווימט דער מאָרגן אָן פון מזרח־ברעג,
דאַן טרעפט ביים זון־אויפגאַנג ווען איך דערשפיר
דעם דורות־בת־קול אין מיין יעדן ריר —
אַ זעגל ווייענדיק אין ווינט געיעג.

איך זע ווי פייער־פליגל פלאַמען הענט
פון שייטערהויפן־צונגען רויט־צעבלענדט:
זיי רייסן זיך מיט וואוט צו מיין געביין.

איך הער אַ יאָמער־קול פאַרשטיקט, פאַרשמאַכט:
דורך שטורעמס און דורך שאָטנס און דורך נאַכט
עס לויפן נאָך מיר גאַסן מיט געוויין.

ב

עס לויפן נאָך מיר גאַסן מיט געוויין.
עס יאָגן טורעם־גאָרנס — קעפ אויף קעפ.
עס גליטשט זיך אויס און פאַלט אַ קרומער טרעפ
און ס'קראַכט אריבער מיר געוועלבן־שטיין.

אַט הינקט אַ שול אין שקיעה־ליכט אליין
און שאַרכט מיט אירע „פליגלען" ווי מיט שלעפ.
אַן אַלט בית־חיים אין אַ שאָטן־קרעפ
שלעפט־מיט מיט זיך מצבה־גראָז און ביין.

אָ, דאָס ציסטו, יידנגאָס אריין,
ווי אַ לוויה אינם אָוונטשיין,
אין סאַמע האַרץ פון היינטצייטיקער שטאָט.

אויף גאַסן רוישיקע ניט איינמאָל טרעפט
צו דיינע טויערן מיין בליק זיך העפט —
דערהערנדיק דיין אָפּקלאַנג אין מיין טראָט.

ג

דערהערנדיק דיין אָפּקלאַנג אין מיין טראַט,
דאַן פאַנגט מיין בליק דיין אורבילד, יידנגאָס.
אַנטקעגן כוואַליעס-רויש פון פעלקער-האַס
דיין שוץ-וואַל איז — דיין אויסגעבענקטער גאַט.

און ווען עס פויקן אויף די פענצטער שראַט
פון רוצחישע געשרייען — ווילד און ראַש —
אַנטלויפסטו אין שול, דיין קאָפּ באַדעקט מיט אַש,
זיך איינגראָבן אין תפילות, ווי א קראַט.

ביים שיין פון אַבל׳דיקע יאָרצייט-ליכט
באַהאַלסטו דאַן דיין פאַרמעטן געזיכט
אין דיינע ביינערדיקע דינע הענט.

דיין אַלטן קלאַג — דו ווײנסט אַריין אין זיי.
ווי אין א הייל אַן איינזאַמער געשריי
פאַרזינקט דיין פּיין אין פינצטערניש פון ווענט.

ד

פאַרזינקט דיין פּיין אין פינצטערניש פון ווענט.
און נאָר געבעט דיינס קרייזט אין שול אַרום:
אין א חורבה — אַ טויב אין שטילן ברום
צום שטורעם, וואָס ער האָט איר נעסט פאַרלענדט.
נאָר ווען די שעה פון מנחה שוין געענדט,

דער שטראַל פון שקיעה הענגט אין חלל קרום —
דאַן זעען שאָטנס אין די ווינקלען שטום:
אין הויכע פענצטער „כתר-דוד״ ברענט.

און ס׳גיט די בענקשאַפט אין דיין בלוט א ברי:
ווו נעמסטו פליגל צו דיין הימל-פלי —
אַ פלי טאָן פון דיין תפיסה, ווי א ווינט?

אויף אָוונטיקן, אַש-באַדעקטן קאָפּ
דיין בענקשאַפט, גאָלד-צעהעלט, זי שטייגט אַראָפּ
מיט פייער-פליגל וויכערדיק-געשווינדט.

ה

מיט פייער-פליגל וויכערדיק-געשווינדט
קלאַפּט אָן דיין טרוים אין טויער פון געמיט.
דערזעסט דאָס לאַנד אין מזרח-ליכט צעגליט.
שטרעקסט דיינע הענט צו אים אויס, ווי א קינד.

ווערסט לויטער-גרינג — אויף וואַסערן אָן אינד
און איילסט אַנטקעגן גאָט מיט חלום-טריט.
דיין האָפנונג, אויפגעפלאַמט, איילט מיט דיר מיט.
דיין יאוש-וואָלקן איבער דיר — פארשווינדט.

און מיטאַמאָל — אין שקיעה-ליכט, וואָס צאַנקט
דערזעסט אַ שוועבנדיקע שווערד צעבלאַנקט,
וואָס צייכנט אָן דיין גאַנג צו נייער וועלט.

צעשטורעמט זיך דיין גאַס — אין רויש א וואלד:
א קריגער-מחנה, ווען דער האָרן שאַלט;
פון אונטער האַנט פון ווינט — א פרילינג-פעלד.

ו

פון אונטער האַנט פון ווינט — א פרילינג-פעלד —
ווערסט, יידנגאַס, מיט האָפנונג-צוויט פארזייט.
די שטיבער דיינע רוישן אויף אין פרייד,
ווי ס'וואָלט אין נאַכט דיין מאָרגן אויפגעהעלט.

דערזעסט דיין גואל שוין — דעם קריגער-העלד
מיט פאַנצער גרייט, מיט שווערד אַנטבלויזט פון שייד
דורך דיינע וועלבונגען — אין פייער-קלייד.
זיין ליכט — די זון פארטונקלט און פארשטעלט.

פארלאָזט האָט ער די טויערן פון רוים,
פון וונדן פריי, די קייטן — שטויב און שוים
אָט זאַמלט ער די יידן פון דיין לאַנד.

עס ציטערט אין דער לופט דער שופר-קלאַנג:
מיט פויקן און מיט טענץ, מיט פרייד-געזאַנג
צום אויסגעטרוימטן לאַנד עס פירט זיין האַנט.

ז

צום אויסגעטרוימטן לאַנד עס פירט זיין האַנט.
דיין יאָמער-קול געוואָרן איז דערהערט.
ס׳האָט גאָט אין דיינע טעג מיט פייער-שווערד
באפרייט דיין לייב און זעל פון גלות-באַנד.

אָ, יידן, שאָטנס בא אַן אָפּגרונט-ראַנד
פון שווארצער פעסט און שייטער-פלאַם פארצערט,
מיט אויגן אויסגעלאָשענע, פאַרטרערט,
מיט גופים לויטערע אין לאָטע-שאַנד:

אָ, יידן זינגען הויך צו גאָט א לויב:
דערהויבן האָט ער זיי פון זאַמד און שטויב.
אָ, דוד׳ס שטול איז אויפגעריכט שוין באַלד;

אָ, יידן, ס׳נעמט צום גלות שוין אַן ענד:
אין מזרח-זייט די קרוין פון דוד ברענט;
אין מזרח-זייט די זון פון גואל שטראַלט.

ח

אין מזרח-זייט די זון פון גואל שטראַלט.
נאָר ס׳איז ביים פיינט דער גואל איינגעשפּאַרט.
און ס׳שטייט דאָס פאָלק ביים פעסטונג און עס וואַרט:
האָט שופר-של-משיח ניט געשאַלט?

נאָר איינזאַם איז דער גואל, ווי א וואַלד,
וואָס האָט אומזיסט אין נעכט נאָך זון געהאַרט.
דער אָוונט אין די פענצטער בלויט פארשטאַרט.
און ס׳פלאַמט דער מערבזוים רויט-פלאַמיק, קאַלט.

ער זעט די זון פארגיין — א פייער-שיף
אין גאָלד-געזוימטע וואַסערן — בלוי-טיף.
ווו פירסטו שיף מיינע, צו וואַסער ווייט?

ער זעט דעם אָוונט-זעגל ווו פארגיין
און בלייבט אַנטקעגן נאַכט-אָנקום אַליין —
א שטומער מאָנומענט אין ים פון צייט.

ט

אַ שטומער מאָנומענט אין ים פון צייט,
וואָס קלאַפּט אָן אלע וועלט-ברעגן און ברומט —
דער גואל שטייט געבויגן, האַרץ אַנטשטומט,
אַ לעצט-אַנטרונענער פון לעצטן שטרייט . . .

און ווען די אָוונט-שעה דעם טאָג פאַרבייט,
א בלאַסער שקיעה-שטראַל אין חלל זומט,
דאַן קוקט ער אויפן טיר: אָ, עמיץ קומט!
דאַן קוקט ער דורכן פענצטער: עמיץ רייט!

נאָר קומען קומט די נאַכט אין שטערן-שאַרף
און ס׳ציטערט אויף זיין חלום אין איר האַרף
און ס׳הערן וועגט און ווינקלען — שאַרף און שמאָל.

לבנה-אויג בליקט אויף אין פענצטער-ראָם
און, ווי דער רויש פון שטורעמדיקן ים,
דערטראָגט אין נאַכט זיך ווי פון יאָמער-טאָל.

י

דערטראָגט אין נאַכט זיך ווי פון יאָמער-טאָל.
אָ, וועמעס קלאָג קלינגט-אויף אין וועלט-געהער?
אויף וועמעס קבר פאַלט אין נאַכט א טרער
און וועמעס פיין פאַרגייט אין טרויער-קול?

צי קלאָגט אין נאַכט א טעמפּל פון אמאָל,
ווען ס׳טרויערן די חורבות וויסט און לער?
צי קלאָגט אין נאַכט א וואַלד, געטראָפן שווער
פון שאַרפער האַנט פון אייזן און פון שטאָל?

אָ, ניט פון טעמפּל, ניט פון וואַלד, וואָס קלאָגט
אין חושכ׳ניש, א ווײ-קול זיך דערטראָגט,
ווי יאָמערן אין מדבר פון שאַקאַל:

דאָס קלאָגסטו יידנגאָס דיין דורות-קלאָג
און ס׳קלאָגט דיין יעדער שוועל און שטיין פון ראָג
ווייל אויסגעטריקנט האָט דיין חלום-קוואַל.

יא

ווייל אויסגעטריקנט האָט דיין חלום-קוואַל,
דיין גואל איז געפאַנגען פון דיין פיינט,
פאַרגאַנגען איז די זון, וואָס האָט געשיינט,
פאַרשטילט איז שוין משיח׳ס שופר-שאַל.

און ס׳ליגט דער גורל פון פונאַנדערפאַל,
און ניט קיין זון באַקרוינט דיין גרויען היינט,
און דיינע טעג — אַן טרייסט-וואָרט פון א פריינט,
און דיינע נעכט — אַן העלן שטערן שטראַל.

און יאָרן קומען, גייען ראַש אוועק
און גאָרניט בלייבט דיר נאָך, נאָר טויט און שרעק,
אָ, ניט פאר דיר האָט זיך גאָט׳ס האַנט אנטפּלעקט.

נאָר אָפטמאָל טרעפט אין חצות-שעה פון די נעכט
אויף דיין גאולה-חלום בלוט-פאַרשוועכט
אין זיינע הימלען גאָט אליין זיך וועקט.

יב

אין זיינע הימלען גאָט אליין זיך וועקט,
זיין צאָרן ווייט — אַן אָדלערס פליגל-רויש,
א שטורעמדיקער ים אין כוואַליעס-ברויז
וואָס, שטייגנדיק פון ברעג, די ערד פאַרדעקט.

זיין ווי די פייגל אין די וועלדער שרעקט,
ער קלאַפּט אין הימל-שטייג און וויל אַרויס,
און ברילט — אַ לייב אין שווארצן מדבר-שויס
און ס׳ווערן פון זיין הויך די בערג פאַרמעקט.

דערשרעקן זיך די שטערן — בלאָס און מאַט,
פאַרכט-אויף אין וואַלד סיי בוים, סיי מינדסטער בלאַט
און ס׳ווערט לבנה׳ס פנים פאַרמעט רויט . . .

צעפּאַלט דעם מענטשנס שלאָף אין נעכט, ווי שטויב,
דער פחד דויערט שטאַר. אין יעדער שויב
קלאַפּט אַן די ביינערדיקע האַנט פון טויט.

יג

קלאַפּט אָן די ביינערדיקע האַנט פון טויט:
אָ, פּעלקער פון דער ערד צום טאָג זיך ריכט,
צום טאָג פון דין, ווען אין גאָט׳ס אָנגעזיכט
וועט קאָרטשען זיך אויף אייער לייב די הויט.

און שרייען וועט איר אין אַ שעה פון נויט,
נאָר ס׳וועט די שעה באַפאַלן אומגעריכט.
און מערן אייער יאָמער — שיכט אויף שיכט,
פאַרדאַרבן אייער רו און אייער ברויט.

און לאָקערן וועט שווערד און פייער־פלאַם,
פון הימלען — מבול, אויסגוס פונם ים
און וואַנזין וועט אייך יאָגן מיט געשריי.

און אָנפאַלן וועט איר אויף אייגן לייב
און פליקן, ווי די פייגל, קינד און ווייב
און קיינער וועט ניט הערן אייער וויי.

יד

און קיינער וועט ניט הערן אייער וויי.
און פילן וועט איר דאַן אויף לייב די רוט,
וואָס פלאָגט די יידנגאַס, דעם טרויער־גלוט
פון פאָלק צעשפּרייטן, ווי דער האָגל־שפּריי.

פון פאָלק, ווען שטורעם־ווינט פאַרטראָגט, ווי שטרוי
זיין גלויבן און זיין טרוים, זיין האָפענונג־מוט.
און ס׳וועלן זינד אייערע — רויט ווי בלוט —
אין לייד געלייטערט ווערן, ווייס ווי שניי.

דאָס איז דער מס, אָ, פעלקער אויף דער שווערד —
פאַר הבלם בלוט, וואָס שרייט פון טיפער ערד,
פאַר דורות וויי און שאַנד, פאַר דורות האַס.

און אויסגעלייזט, אָ, ווערן וועט איר דאַן
פון אורוואַלד, וואָס באַגלייט אייך שפּאַן אין שפּאַן. —
דאָס זאָגט צו אייך אַ זון פון יידנגאַס.

לעצטע לידער

אין ירושלים פון דער ליטע

א

שמאָלע קלויסטער־טורעמס ווייזן מיר א וועג
צו דיינע געסלעך, ירושלים פון דער ליטע.
ווי הענט פארגליווערט אין א שטום געבעט,
שטרעקן זיי זיך צו די שטאַרע הימלען.
נאָר די הימלען זיינען קאַלט און אָנגעקליידט
אין גאָלדענעם פאַנצער פון די שטערן.

אָ, קלויסטערס לײדיקע, ווי שטיינערדיקע שטייגן,
פארוואָס האָט גאָט אייך שוין פונלאנג פארלאָזט,
דער גאָט דער זינדיקער, דער ליידנדיקער;
זיין בלוט האָט ער געלאָזן טריפן אויף דער ערד
און אליין איז ער ארויף זיך אויסבאהאלטן
הינטער גאָלדענעם פאַנצער פון די שטערן.

ווער וויינט אַהינטער דיינע קלויסטער־ווענט
ווינטערדיק־צעשטערנטע ירושלים פון דער ליטע?
וויינען עס די שאָטנס פון יאָרהונדערטן אָדער ס׳וויינט
די נשמה פון דער וועלט, איינגעשפארט ווי א מאָנאַשקע
אין די טונקעלע תפיסה־צעלן, און זי בענקט
צום גאָלדענעם פאַנצער פון די שטערן? . . .

ב

כ׳פּלאָנטער זיך ווי אין א נעץ און זוך א וועג
פון אַט־די דורכהויפן, ווי היילן פינצטערע,
פון אַט־די מויערן מיט געלע פּנימער, ווי פּארמעט,
פון אַט־די געסעלעך, וואָס בינדן מיר דעם טראָט,
ווי מיט רצועות שמאָלע, און קלינגען מיט אַ הייזעריקן כריפּ
ווי אַ צדקה־פּושקע, ווען זי שלינגט אַריין א גראָשן.

אָ, געסלעך יידישע, ניט צו באַזינגען אייער נויט,
געקומען כ׳בין אין ווינטער־טאָג, דעם גראָען;
בין איך אליין דען ניט, אָ, פלייש פון אייער פלייש:
א ציגל פון יסוד׳ים קלויז, א שטיין פון גלעזער־גאַס,
אַ שאָטן פון געוועלב, א נאָטע פון אַן אלטן ניגון,
וואָס זומט און ווערט פארלוירן, ווי א פונק אין חשכות . . .

אָ, האָרך, אָ, לייג דיין אויער צו צום שולהויף אַלטן;
ער כריפּעט ווי אַ האַרץ א שוואַכס, פארגייט זיך ווי א זקן
אין א יאָמערלעכן וויי, פּארפּול מיט טענה . . .
וואָס מאָנט פון מיר דער שולהויף? די שטיינערנע קאָלאָנעס,
די גאָרנס אויפגעטורעמטע — פארשטיינערטע געשרייען,
ארויסגעריסענע פון דורות־גאָרגלען, און צום הימל ניט דערגאַנגען...

ג

איך קוק אים אָן, דעם שולהויף, און איך זע:
אין שעה פון חצות, ווען וועלט פארזונקען איז אין שנייען,
די שטערן רינען — קאַלטע טרערן — אויף די דעכער,
שפּאַרט ער ראַש ארויס אין יאָמער-קלאָגן:
ער ברעכט צוזאַמען, אויף די גאַרנס, טורעמס, טרעפּן,
און קלאַפּט מיט זיילן ווי מיט פויסטן, זיך אין האַרצן . . .

און דאָס געוויין גייט-דורך דורך אַלע זיינע אָדערן,
עס ריזלט דורך די ציגל, און צעוויינט די שטיינער,
ביז עס שלאָגט ארויס און פליצט אוועק אין שטראָמען
איבער גאַסן, מערק און טויטע, וויסטע פּלעצער . . .
און ס'קלאָגן מיט די אַלט-פארשוווּנדענע שוין יאָרן,
און ס'וויינען-מיט די קברים פון דער אַלטער ליטע . . .

און אַזוי-אָ, ווי איך שטיי אדורכגענומען פון דער זעאונג
פאַלט אָן ארקע אויף מיין קאַרק — א דוהע,
און איך שפּיר ווי שאָטנס-שטריק מיך בינדן
צו די ווענט, די מויערדיקע פונם שול-הויף.
און אומבאַמערקט, ווי דורך א בייטש געיאָגט כ'לאָז זיך לויפן
איינגעשפּאַנט אין שולהויף נאַכטישן, ווי אין א וואָגן . . .

ד

אָ, טרייב מיך, וואָגן שטיינערדיקער, דורך די דורות,
בייטש מיך, בייטש געהיימע, איבער מיינע פלייצעס,
יאָג מיך בלינדערהייט דורך אַלע פינצטערנישן,
דורך די צייטן, ווי דורך געטאָ-טויערן צעפראַלטע . . .
זאָלן גליען מיינע פוסטריט אינם בראַנד אין רויטן
פון דיין צער, אָ, ניט פאַרלאָשן פונם שטראָם פון יאָרן . . .

איך לויף . . . איך לויף דורך די מעת-לעתן, צי דעם וואָגן
און שלעפּ די שמאָלע קלויזן-דעכער, ווי ארונות,
און שלעפּ די קברים פונם אַלטן און פון נייעם „פעלד״:
דעם בוים פאַרשניטענעם פון דעם גר-צדק,
די תליה-ברעטער פון הירש לעקערט,
די מאַרמאָרנע מצבה פון א. ווייטער . . .

איך לויף . . . איך לויף דורך די מעת-לעתן . . . זאָל איך פרעגן:
ווו-זשע יאָגסט מיך, וואָגן שטיינערדיקער? —
אַז שוין לאַנג איז ירושלים פון דער ליטע
הינטער מיר . . . ס'לויפט פאַר מיר א וועג א בלינדער:
ניט קייןביימער ביי די זייטן, ניט קיין ריח פון די פעלדער . . .
און דער וואָגן ווערט אַלץ שווערער, און דער וואָגן יאָגט אַלץ גיכער...

ה

ס׳פֿאַלט א שניי און דעקט די חורבות איין, ווי וואונדן.
כ׳בלאַנדזשע אום אין געסעלעך, ווי אויסגעהוילטע שרויפֿן.
דער אָוונט שנייאיקער דעקט צו די אקסלען מיינע, ווי א טלית . . .
אָ וואו איז ער, דער אָרעמאַן אויף אייזעלע גערימן?
וועט ער אָנקומען מיט אַט-די הויקערדיקע געסלעך
אויף נאַכטלעגער אַהער, אין ירושלים פֿון דער ליטע? . . .

כ׳לאָז זיך — א לבנה-גייער — דורך די קעלער-הויפֿן,
כ׳קלאַפּ אויף טויערן, פֿארריגלט, ווי אויף ברוסטן:
וואו ביסטו וואו, וואו ביסטו? אָנטפּלעק זיך פֿון די שאָטנס,
קום, צענעם די מויער-צוימען, טראָג אוועק דעם וואָלקן
פֿון געוויין, פֿארגליווערט אין דער שטיינער-מאַסע:
וואו ביסטו, וואו? אָ, קום און פֿיר ארויס פֿון דורות-קבר . . .

. . . און אין קלויז פֿון גאון גלימערט דער נר תמיד.
ס׳וויינט אריין דער שבתדיקער ערב-נאַכט דורך די קאָלירטע שויבן.
אָ ייד לייענט פֿאר די שאָטנס אין דער תורה,
(אָ טלית אין גוואַלד-ריסן דעקט צו זיין אָרעם לייב).
אביונים קלעפּן, ווי די טויטע פֿליגן, ארום קאַלטן אויוון . . .
ס׳פֿרעפֿלט ווער א קדיש אין ירושלים פֿון דער ליטע.

צו אַ ייִד אויף דער גאַס

דאָס קעסטל צוגענאָגלט מיט רימען איבער אַקסל,
שטייסטו, אַ געבויגענער, אויפן ראָג פון גאַס.
ס׳רינגלט מענטשן-רויש ארום דיך, ווי אַ טייך.
אָבער דו שטייסט איינזאַם. די שטריק אַרום די לענד.
די הענט געפרוירן. נאָר די אויגן גליען מיט אַ טרויער פון ניט-היי
און דיין באָרד — זי הענגט פאַריתומט אינם ווינט . . .

פונוואַנען האָסטו גענומען זיך אויף אונדזער גאַס, ווייס איך ניט.
אפשר ביסט געקומען פון דאָרפישע וועגן, געיאָגט פון הינט
און פון לעגענדעס וועגן טייוול מיט א יידיש באָרד?
און אפשר האָסט פאַרלאָזט אַן אַלטע שול, ביינאַכט;
ווען שעה פון חצות האָט בלינד געיאָמערט אין די שאָטנס,
האָט א האנט אַ שטויס געטאָן דיך פון דיין לעצטן שוועל?

צעהוליען זיך שיכורים אין דער טויבער, רויער גאַס.
דער רייסט דאָס קעסטל פון דיין האַנט; דער — מיט פרייד
פליקט דיין באָרד נביאישע, פאַריתומט אינם ווינט.
שטייסטו הילפלאָז מיט א שמייכל א פאַרשמאַכטן אויף געזיכט.
דו ווערסט זיך ניט. נאָר די אויגן דיינע, ווי דער זון-פאַרגאַנג
ברענען מיך אין האַרץ אריין דיין טרויער פון ניט-היי.

אָ, טונקל-גרויס, ווי אָנגעגאָסן מיט לבנה-שיין קוקן דיינע אויגן.
האָסט געזען אמאָל די אויגן פון א פערד, געפאַלן אויף דער גאַס?
א געביידע, א געזונקענע — הויערט תמימותדיק דער גרויסער גוף,
אין שטומען צער באַוועגט זיך קוים דער שמאָלער קאָפּ . . .
נאָר דער טונקעלער שוואַרצאַפּל, איינגעפּאַסט אין שטאָרן אויג,
שטעלט אָפּ פאַרבייגייער און צווינגט זיי צו מחשבות . . .

שטיי איך א פאַרלוירענער אין מיטן גאַס, שטיי און שטוין;
אָ, ווען און וואו געזען האָב איך דיך, ייִד געבויגענער?

אין טונקל-שרעקנדיקן שפיגל פון מיין מיטנאַכט-טרוים,
צי ערגעץ אויף די וואָגל-וועגן פון מיין יוגנט?
אפשר קוקסטו עס ארוים פון מיין געמיט, ווי פון א הייל,
און דיין געזיכט, ווי אין א וואסער, שאַטנט זיך אין מיר? . . .

עפּעס אזא אַלטקייט ווייט פון דיר, א דורותדיקייט.
מיר דוכט: אַ הינטער זיך דו שלעפּסט מיט ווי א קייט
יאָרהונדערטער . . . זיי פלאָנטערן זיך אין דיינע מידע טריט;
מיר דוכט: דו דארפסט נאָר אומקוקן זיך אַ הינטערוויילעכס
און אזא רויטער שיין פארפלייצן וועט דיין געזיכט,
און אַזאַ וואַלד פון העק פארשטעלן וועט דיין האָריזאָנט . . .

זאָל איך צופאַלן צו דיר, ווי ס׳פאַלט א זון צום פאָטער צו;
נאָך א לאנגן וועג פון וואַנדער אין דער פרעמד?
זאָל איך אָנטאָן ווי א הויט אויף זיך דיין ווי
און וויינען, ווי א קינד אויף חורבות פון זיין שפּילצייג,
אויף דיין חלום, ייד, און אויף דיין צער,
וואָס פרעסט מיין לייב — א וואָלף זיין קרבן-שאָף? . ..

אָט לאָזט דער אָוונט זיך אַראָפּ אויף טרויעריקע דעכער.
די נאַכט שרעקט, ווי אַ גרוב פון קיינעמס-לאַנד.
וואו ועסטו, ייד, אַהינטאָן זיך מיט קעסטל פון דיין צער?
ווארט אויף דיר אַ געטאָ-טויער אין דער וועלט,
אין אָט-דער שעה, דער פּראָסטיקער, פון תחילת-נאַכט,
צי אפשר גאָר א קבר, א פארגעסענער פון וועלט? . . .

צום גאָלדענעם טויער

(פּ א ע מ ע)

א

ווי גאָלדענע וועגן פירן מיך אַרויס די גאַסן פון דער שטאָט.
באַגלייטן מיך די מויערן מיט שטילע פּנימער, פאַרטראַכט.
א רויטער שורשנדיקער בלעטער-טעפּיך שפּרייט זיך פאַר מיין טראָט.
אויף הויפן, טיף-פאַרוואַקסענע אין גראָז, שפּאַצירט שוין דער
פאַרנאַכט.
אַן אַלטע שטילקייט קלינגט אראָפּ פון ברומענדיקן אָוונט-גלאָק.
אַן איינזאַמער הייבט אויף זיין מידן קאָפּ דער אַלטער
קלויסטער-טורעם.
א גאָלדענער נעפּל — הייבט זיך אויף דער האַרבסט אַריבער
העכסטן שטאָק.
דער מערב פּלאַקערט רויט. די וואָלקנס זאָגן אָן א שטורעם.
נאָר ווי אַ שטילע ליכט, די בלויע שעה פון דעמערונג דערברענט
אין בלאַסע שויבן-שפּיגלען — צו וואַלד און ווייטעניש געווענדט.

די לעצטע גאַס שוין שפּרייט זיך הינטער מיר, אין אָוונט-ליכט, אין רו
א געגנט, ווילד און אַלט, מיט שטילן שטעג, אַנטקעגן קומט מיר אָן.
א פייגל ציטערט-דורך די לופט און ווערט פאַרשווונדן ערגעץ-ווו.
א בוים טראָגט מיר זיין רויטע בלעטער-קרוין אַנטקעגן, ווי א פאָן.
אין אָט-דער שטילער אָוונט-שעה, אין אָט-דעם האַרבסט, בין איך אַליין
א גראָז צווישן גראָזן אין דער אַלטער, ווילדער געגנט.
כ׳בין פאַרפלאָכטן אינם מאָך, ארומגענומען מיטן אַלטן שטיין.
ס׳האָט א רעגן מיך אָט-דאָ פון הימל-הויך אַראָפּגערעגנט . . .
כ׳פלאָנטער זיך אין גראָז-געפלעכט. כ׳גראָב זיך איין אין ערד-שליים
ווי אַ קראָט,
כ׳שפּיר דאָס גליענדיקע מערב-ליכט. דעם אָטעם-הויך פון גאָט.

ווי אַלט איז אַט-די געגנט אין דער שעה פון שטילן זון-פאַרגאַנג,
מיט טאָלן, וועגן, ווי אַן אַלט געזיכט מיט קנייטשן, אויסגעקאַרבט.
שפּאַן-דורך די וועלדער-וועלט און הער דעם לעצט-פאַרגייענדיקן
קלאַנג
פון אַן אַלטן דעמב, וואָס זינקט אריין אין טיפן מאָך און — שטאַרבט.
קני אנידער אויפן ראַנד פון וועג. האַלט דעם אָטעם איין און האָרך:
יאָרהונדערטער ווי שטילע וואָלקנס גייען איבער דיר אריבער.
פאַרנעמסט דעם רויש פון העכסטן בלאַט אויף צווייג, דעם דינעם,
שטילן שאָרך
פון שאָטנס, ווימלענדיק אין טיפע בוים-שפּאַלטן, אין גריבער.
די געגנט האָט אין אירע אָרעמס דיך אַצינד אריינגעוועבט:
אין נייעם גילגול לעבסט א לעבן, וואָס דו האָסט שוין ווען געלעבט...

און גייענדיק — אַ בערגל ערד פאַר מיינע אויגן וואַקסט ארויס.
דער לעצטער שקיעה-שטראַל באַגילדט א שמאָלע, גראָז-באַצירטע
ברעט.
אָ, ווען, ווען, האָט די געגנט אויפגענומען אין איר שויס?
פאַר ווען האָט זי צוגעגרייט אַן ערדענע, א שטילע בעט? . . .
כ׳שטיי געבויגן פאַרן קבר. ס׳האָט די צייט שוין אָפּגעמעקט
דעם שריפט. פון אותיות די שאָטנס, זיינען נאָר געבליבן.
אין ווילדן גראָז ווי אין א טוך איז שטילער קבר איינגעדעקט.
און ס׳האָבן ווינט און רעגן זייער גאַנג אויף אים פאַרשריבן.
אָ, ווען, ווען קבר רוט אָט-דאָ? אָ, ווען לעצט געביין
פאַרוואַלגערט ליגט דאָ אונטער זאמד און גראָז, ווי ס׳ליגט אין
פעלד א שטיין . . .
און גייענדיק — א קלעצער-שטיבל פון די גראָזן וואַקסט ארויס.
די פענצטערלעך געעפנט. א טיש מיט ברויט און זאַלץ געגרייט.
א פויער זיצט און האַלט א קינד, א לאַכעדיקן אויף זיין שויס.

א פויערטע טראָגט צו צום טיש א שיסל. און א פּאָרע גייט,
און א געזאַנג פון לעבן און געבורט, פון זומערדיקער מי
פון שטיבל נעמט צעטראָגן-זיך אין האַרבסטיקע ארומען:
ס׳איז דאָס פרייד-געשריי פון שוואַלב אין שטילן מאָרגן-פרי.
און פון גאָלדענעם בין זיין זון-געזאַנג, זיין זומען . . .
ווי א פרישער טוי אין תחילת-נאַכט דאָס ליד פון ברויט און רו ס׳פאַלט.
און הילט דאָס שטיבל איין, דעם קבר און די געגנט, ווילד און אַלט.

ב

א גאָלדענער טויער — עפנט זיך פאר מיר דער אויסגאַנג פונם וואַלד.
איך שטיי איצט אויפן באַרג און מיינע בליקן וואַנדערן אין ווייט- און ברייט.
אַהינטער מיר — דער וואַלד, אויף אַלע זיינע וועגן פאַרכטיק-אַלט.
אויף אַלע זיינע צווייג-געפלעכטן ווי א נעץ א ריזיקע, פאַרשפּרייט,
מיט וואָי פון וואָלף, מיט שריי פון פייגל, מיטן שאָרך פון שאָטנס — סומנע-באַנג —
פאַרויס פון מיר — אַריבער פעלדער, היגלען, עפענען זיך ווי טויערן,
די האָריזאָנטן פונם מערב, אינם שטיל-פאַרגייענדיקן שיין פון זונפאַרגאַנג,
די הימלען דין-פאַרהאַנגענע מיט אָוונטיקע נעפּל-שלייערן,
די וואָלקנס, ווי אלטאַרן גאָלדענע, צעצונדן-אויפגעהעלט
אין פלאַמען-צונגען פון דער שקיעה-ליכט, וואָס קוועלט.
דער זומער קלינגט שוין אָפּ מיט פעלדער — ליידיק און פאַרצערט —
מיט אומעטיקן פלי פון בושלען, מיט שוואונג פון שוואַלב אין שטילער לופט,
מיט בויג פון גראָזן דורכגעציטערטע פון קילן אָטעם פון דער ערד.
און דאָ שטיי איך אליין. צווישן וואַלד און זון, אָן איינזאַמער,
און ס׳רופט

און ס׳ציט מיך הינטערווײַלעכס — קראַפּט פון טיפן, אַלטן וואַלד:
צוריק, צוריק צו אור-וואַלד. צו דער הייל, צו נעסט פון רייסנדיקער
חיה.
צוריק צו פינצטערניש, צו מאַלפּע-פעל, צו נעגל, צו גוואַלד . . .
אַט הער איך האַרט אַהינטער מיר דעם וואַלד אין שרײַען
אַט נעמט ער מיך אַרײַן אין זײַן געצווייג, אַט בינדט ער מיך
מיט זײַנע וואָרצל-שטריק, פאַרוואַקסענע מיט מאָך און ליים, צו זיך.

נאָר אין מײַן געבונדנקייט — די הענט מײַנע, זיי בלײַבן ניט געקייט.
און מיט אַט די פרײַע הענט איך רײַס זיך צו דער זון, אַרויף, אַרויף,
צו זון וואָס האַלט איצט ביים פאַרזינקען, וואָס פאַרגייט — —
די הענט, ווי זעגלען צוויי אויף ימים, פלאַטערן און פלאַמען-אויף,
די הענט, ווי פליגלען צוויי, זיי רײַסן זיך פון מײַן געבונדנקייט,
זיי ברעכן, דוכט זיך, אויס אין אַ געוויין, זיי שרײַען
מיט געשריי פון הענט אין טיפער טייך-פאַרזונקנקייט,
זיי שלעפּן-מיט מײַן גוף, אין וואַלד פאַרטייעט,
אַרויף, אַרויף, פון פינצטערניש, פון ליים, פון שאָטן-שטייג,
צו זון, צו ליכט, אַריבער וואַלד, אַריבער העכסטן צווייג.

ווי אַלט איז אַט-די קולותפולע בענקשאַפט צו דער זון אין מיר!
אָ, עלטער פונם עלטסטן וואַלד איז רוף צו ליכט אין מיר, וואָס שרײַט,
אָ, זון, כ׳רוף הויך דײַן נאָמען אויס, כ׳שריי הויך צו דיר,
און ס׳ענטפערט מיר מיט עכאָ אָפּ, די לאַנג-פאַרשווונדענע, די
עלטסטע צײַט.
איך האָב געשריי נאָך זון אין בלוט מײַן מיטגעבראַכט
פון דאַן, ווען איך אַליין בין שטום און קאַלט געלעגן
אײַנגעוויקלט אינם טונקעלן געוועב פון טיפער, לאַנגער נאַכט,
ניט אָפּגעטיילט פון שטומען ליים-שיכט אונטער וועגן;
געוואַרט ביז כ׳וועל אַדורכברעכן פון פינצטערניש די הויט
און דערזען דײַן אויפגאַנג אינם שאַרפן מאָרגן-רויט.

און איצט, אין רגע, ווען איך שייד פון דיר זיך אָפּ
מיט גלויבן אויף דיין ווידערשיין — אריבער בארג און פליין,
אונטער די הימלען אייביקע, וואָס שפּרייטן זיך איבער מיין קאָפּ,
וואָרף איך צו דעם גאָלדענעם מערב-שוועל פון דיין פארגיין
מיליאָנען יאָרן בענקשאפטן אין אייביקייט צעזייט:
כ׳שטיי און בין מתפלל צו דיין ליכט, דאָס אייביקע,
אָ קום, אַנטפּלעק זיך ווידער, קום, דו, מוטער פון מיין פרייד,
אריבער לעבן-מיינס — דאָס גלויביקע, דאָס שטויביקע —
ווי פון א שייד געשטרעקט — אַ גרויסע, פייערדיקע שווערד,
אַנטפּלעקט זיך מיט דער בשורה פון געבורט, אָ, ליכט-הארץ
פון דער ערד!

ג

און צו דעם מענטש, דעם אויסגעחלומטן אין לויף פון מיינע טעג
איך שיק אצינד מיין גרוס, אריבער וואַלד, אריבער צווייג און שטאָם:
א גרוס פון גראָז און ליים, פון פייגל-נעסט, פון מאָכיק-שטילן שטעג,
א גרוס פון דאָרן, ברענענדיק, אין איינזאמער, אין שקיעה-פלאַם.
אָ, מענטש, דו אויפגעשטיגענער פון תהום צו זון פון דיין פארשטאנד,
אָ, קום אַנטפּלעק זיך ווידער מיט דער בראשית-בשורה פון דיין ווערן:
קום אויף מיט ערשטן שריי, מיט טראָט, מיט ערשטן, אויף דיין לאנד,
קום אויף מיט ערשטער טרער, מיט צאַרטן צייכן פון באגערן,
אָ, זע, צום גאָלדענעם טויער, צום בענטשנדיקן אָוונט-ליכט
געווענדט —
א טויב פון רוים, וואָס פלאטערט — מיין רוף צו דיר, ער בלענדט:

אָ, שפּירסטו ניט מיין ציען-זיך צו דיר, מיין פלעכטן-זיך אין דיין
געביין,
ווי פלאנץ אין פלאנץ, ווי, אונטער ערד, דער בוים-וואָרצל אין
ברודער-בוים,
קענסטו דען א רגע בלויז זיך אויסטיילן פון מיר און ניט פארגיין?

קען פון ים זיך אָפּשיידן און ניט צעגיין — זיין כוואליעם-שוים?
קענסטו דעם פאַרמיידן אָט-דעם בונד, וואָס האַלט אונדז אויף, ווי
פעלד מיט זאַנג.
דעם בונד פון גאָט, פון טויט, דעם בונד פון ליבשאַפט און פון טרויער?
אָ, הער, אריבער קברים שטייגט אויף אזא אלט און וואונדערלעך
געזאַנג
(עס קומט פון וויטן עבר-לאנד און דרינגט אריין אין דויער):
געזאַנג פון שטויב, וואָס איז געוואָרן גראָז, פון פלאַנץ, וואָס איז
געוואָרן ז ע ל,
געזאַנג פון מענטש, וואָס ראַנגלט זיך מיט וואלד, און וואַרפט זיך
צו גאָט׳ס שוועל.

אָ, ברודער מיין, נעם אויף מיין גרוס, מיט אָוונט ווינט געשיקט.
זע, איך וואַרף פון זיך די לאַסט פון קברים, צער און נויט.
כ׳בין ווידער קינד, און דו, ביים זייט, מיט ליבשאַפט מיך באַגליקט.
מיר ביידע דאָ, אויף ערד צווישן גאָלדענעם שוועל פון זון און טויט.
מיר וואַקלען זיך, ווי זאַנגען צוויי, אויף שווינגנדיקן פעלד,
אין ריטם פונם ווינט, פון וואָלקנס, וויים-וואו ציענדיק.
מיר שפירן ווידער וואוקס פון גראָז, און פרוכט, וואָס קוועלט:
אָטעם פון באַגין, שריי פון פויגל, וויים-וואו פליענדיק:
געזאַנג פון טייך, וואָס וואַשט מיט פרייד אַן אַלטן שטיין:
פלי פון פלאַטערל, וואָס לעבט נאָר פון פרימאָרגן ביזן טאָג פאַרגיין...

ווי א זאָמען אינם שוים פון פעלד, וואָס וואַכט און וואַרט
אויף רחמים-פולער שעה פון בלי און רייץ און זאַנגיקייט,
טיף אין מיר — מיין גלויבן אין דיין ליכט, עס רייפט און גאַרט.
נאָך דיין אַנטפּלעקונג, מענטש, אין קלאָרסטער קלאַנגיקייט.
ס׳זינגט און זומט, ווי זאַנג אין זון, געזאַנג מיין צו דיין זיין,
מיין האָפענונג הילט מיך איין, ווי ס׳הילט א דופטנדיקער רעגן
איין די ערד, ווי זומער-זון אין ליכט-קלייד פון איר שיין

טוט אָן די בוימער, בערג, די טייכן און די וועגן:
די הימלען בענטשן שוין דיין אָנקום, און עס שאַלט
דיין טראָט מיט ליכט און גבורה אינם אַלטן וואַלד . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

דער אָוונט האָט שוין איינגעגראָבן אין דער ערד זיין שטראַלנדיק געזיכט.
איך הער א פליגל-פאָך, וואָס נידערט פונם בארג אין טאָל.
די ערד נעמט אויפקומען פון אירע טיפענישן. שיכט נאָך שיכט
נעמט זי אויפברעכן, ווי שאָלעכץ-הויטן פון א האַרטער שאָל,
און לעבן, לעבן הויבט אָן קוואַלן פון איר טונקעלן געשטיין,
אַ רויך שלאָגט-אויף, אין אויפגערירטע טיפן ווימלען פלאַמען.
ערד בלאנקט-אויף מיט קלאָרן לייב, מיט פייער-בלענדיקן ביין,
דער וואַלד ווערט אויפגעלויכטן ביז צו זיינע וואָרצל-שטאַמען
כ׳פאַל צו צום באַרג מיט אויסגעשטרעקטע הענט. איך ליג און בענטש
די שעה פון בראשית: דעם נס פון וואַלד, און זון, און מענטש.

דיאַלאָג אין דאָרף

דער בושל האָט זיך אויפגעהויבן שוין פון פעלד:
ער נעמט אויף זיינע פליגל מיט דעם גאָלדענעם פארנאכט;
די שוואלבן שווינגען שוין צו נעסטן זייערע פון ליים;
נאָר די ווילדע ענטלעך קרייזן מיט א ווילד געשריי
אין די טונקל-ווערנדיקע הימלען,
און די וואסער-מיל קלאַפּט אוים דעם ריטם
פון נאָך א טאָג אַזאַ, וואָס איז פארגאנגען . . .

איז דאָך סאמע-צייט איצט, בלאָנדער שכן מיינער,
פאַרביירייטנדיק אויפן פערד אין נאָנטן דאָרף,
וואָס דו טראָגסט מיר דיין גאָט-העלף אַנטקעגן;
אַ צייכן, אז ווו מענטש, דאָרט איז אויך גאָט פאַראַן, —
איז דאָך סאַמע-צייט איצט, אז מיר זאָלן ביידע דאָ:
איך — א טיף-געבויגענער אונטערן לאַסט פון אָוונט
אין שטילן, רחבותדיקן פעלד;
דו — אויפן פערד, דעם נאָנטן דאָרף אַנטקעגן;
און אפשר אויך זיך צוזעצן אָט-דאָ
אויף אָט-דעם אַלטן שטיין, אונטער דעם בוים,
דעם איינגעבויגענעם איבערן וועג
(ווי עס וואָלט לייענען די שפּראַך פון טריט,
וואָס זיינען אָפּגעחתמעט דאָ געוואָרן פון דער צייט) —
און אפשר אָנהויבן צוריק פאַרבינדן
דעם פאָדים פון געשפּרעך,
וואָס שטעקט מיטן אָנהויב ערגעץ ווייט,
אין שאָטן פון פארגאנגענע שוין דורות,
און איז פארענדיקט אַלץ נאָך ניט געוואָרן . . .

עד, בלאָנדער שכן מיינע, דורות אויף איין ערד,
צי שפּירסטו ניט, ווי איך אַצינד, די שעה פון מנחה
ווי זי נידערט שטיל — אַ וואָרקנדיקע טויב —
אויף די אַקסלען אונזערע אַראָפּ? . . .
אין אזא שעה עפענען זיך טויערן
פון אוראַלטע, פון אויפגעפּעלזטע טעמפּלען:
ס'איז די שעה פון חשבון, פון רחמים און פון תפילה . . .
אין אזא שעה פאַרוואַרפן זיך געהיימע בריקן,
אומגעזעענע, פון פעדים, לויטערע, געוועבטע,
פון מיר צו דיר, פון זעל צו זעל . . .
ס'האַרץ פון מענטשן עפנט זיך ווי א געצעלט
פאַר די טריט פון וואַנדערער, די מידע . . .

אָ, לאָמיר עפענען די געצעלטןביידע:
איך — מיט אַזויפיל חורבן, מיט אזויפיל וויי
און חלום הינטער זיך;
דו — מיט אזויפיל פעלד, מיט אזויפיל האָריזאָנט,
און חלום הינטער זיך . . .
לאָמיר זיך איבעררופן, איבערשרייען,
ווי פויגל צוויי, וואָס טרעפן זיך
אינאָוונט — אין די טיפע הימל-רוימען:
מיט געשריי פון מענטש און פלאַנץ אין אונדז,
מיט געשריי פון זומער און פון ליבשאַפט,
מיט געשריי פון טויטן און געבורטן . . .
ווי דו בין איך — אומבאגרייפלעך, אומגעזען —
פאַרוואָרפן אויף דער ערד, צווישן וויג און קבר,
שטראַלנדיק — א קינד — אונטערן חסד פון די הימלען,
און וויגנדיק-זיך, ווי א רייפע קאָרן-זאַנג,
צו דער קאַלטער, צו דער טרייסטנדיקער ערד:

ווי דו בין איך געבונדן צו דעם גורל,
וואָס פירט מיט מיר, ווי מיט אַן אַקער
אויפן שטח פון זיין פעלד . . .
און ווער האָט אונדז ווי ברינימער געגראָבן
פארן אויפזאַמל פון טרערן אויף דער ערד,
דאָס ווייסטו ניט, דאָס ווייס איך ניט,
און ווער עס וועט פארענטפערן אזויפיל בלוט פארגאָסענע
דאָס ווייסטו ניט, דאָס ווייס איך ניט:
טאָ ווו איז אָט-די שפּראַך פון גראָז צו גראָז,
פון זאַמד מיט זאמד, פון זאַנג מיט זאנג,
וואָס זאָל צונויפהאַלטן אונדז ביידע דאָ,
צונויפקלעפּן ווי ליים מיט ליים
אָט ווי די שוואַלבן, בויענדיק די נעסטן זייערע . . .

דו שווייגסט, אָ, בלאָנדער שכן מיינער, שווייגסט.
און אויך דיין שאָטן טריי ביים זייט —
ער קוקט מיך אָן מיט שווייגעניש און מיט פארדאכט —
און דאָ איז שוין די נאַכט אויך צוגעפאַלן,
און אויך די וואַסער-מיל פארשווינגן איז געוואָרן,
נאָר די גרינגע שטערן ווינקען קאַלט
און עס שושקעט זיך מיט ווייטעניש דער ווייטער וואַלד:
א גוטע נאַכט, א גוטע נאַכט.

די באַלאַדע פון אומבאַקאַנטן ייד

אין האַרץ פון נאַכט, אין האַרץ פון וועלט,
א שיף אויף ימים וואַנדערט אום:
נאָר שטערן אויבן — רויט-צעהעלט,
און וואַסער-פעלדער רונד-ארום . . .

אין האַרץ פון נאַכט, אין האַרץ פון וועלט,
עס ציט דער שיף זיין וואַסער-וועג,
עס איז פאַר אים די וועלט פאַרשטעלט
און שליידערט אים פון ברעג אויף ברעג.

נאָר דורך געדיכטע חושך-וואַנט
מיט פייערן צעגליט, צעברענט,
עס ווינקט פון ווייט דאָס וואונדער-לאַנד
און ס׳איז צו אים דער שיף געווענדט . . .

אָ, וואונדערלאַנד, א צייכן ווייז,
צי איז דיין טויער אָפן-גרייט,
פאַר יונג און אַלט, פאַר קינד און גרייז,
אויף בלינדער, רויער ערד צעזייט?

צי זיינען דיינע זאַמדן ניט
פון פרעמדן פיינט מיט שווערד באַוואַכט,
צי לויערט ניט דער קלאַנג פון טריט
אויף וואָגל-שיף אין טיפער נאַכט? . . .

און שטילער-שטיל . . . דער שיף שלייכט קוים,
אָ, ס׳איז דער ווייטער ברעג שוין נאָענט.
צי האָסטו, אויפגעהעלטער טרוים,
די וואַנדערער דערבליקט, דערקאָנט?

אָט שטרעקן הענט זיך אוים אין פיין
און ס׳וויינען הערצער — אַלט און מיד:
אָ, מוטער-לאַנד, אָ, זאַמל-איין,

די טרער, די האָפענונג, דאָס ליד . . .

א רגע גליווערט איין די שיף.
אין שטומער שרעק, אין וואַכן ווי —
נאָר פלוצים ברעכט זיך איין די טיף
פון וואסער-שפיגל מיט געשריי . . .

אָ, ווער האָט פונעם באָרט אין ים
א פאַל געטאָן, און גלייך צום גרונט,
ווי ס׳פאַלט א ווייסער שטערן-פלאַם
און לעשט זיך אוים אין וואַסער-שלונד?

אָ, ווער האָט זיך פארמאָסטן איצט
מיט ים, מיט גורל און מיט ווינט?
א רגע אינם חושך בליצט
א ווייסע האַנט, און גלייך פאַרשווינדט . . .

און ווידער שטיל דער ים ארום
אויף מיילן שפרייט זיין וואַסער-בעט . . .
דער שיף ער שלייכט — פאַרטייעט-שטום,
און שיקט צום ברעג זיין לעצט געבעט . . .

נאָר טיף אין כוואַליעשן געפלעכט
צעפלאַקערט זיך א ווילדע שלאכט,
דאָרט גייט א צאָרנדיק געפעכט
פון מענטש מיט ים, מיט ווינט, מיט נאַכט . . .

אָט שטאַרקט דער מענטש זיך און ער שווינגט
אַריבער אָפּגרונטן פון טויט —
ער שפירט דאָס לעבן ווי עס קלינגט
און ברענט אין בלוט ווי פייער רויט . . .

ער זעט דעם ברעג — ער רוקט זיך צו
און שטרעקט צו אים די אָרעמס אוים:
אויף פליגל קומט געגאַרטע רו

און הייבט פון אָפּגרונט אים ארויס.

אָ, ס׳איז דער ווייטער ברעג שוין נאָנט . . .
נאָר כוואַליעס ווילדע ברויזן אויף
און דעקן צו דעם האָריזאָנט
און הילן איין דעם מידן גוף . . .

און ס׳זינגט דער ים א ליד: ליו-ליו . . .
און ס׳איז דער ים א מוטער-שוים:
ער דעקט אים אויף און דעקט אים צו
און שליידערט אים צום ברעג ארויס . . .

די זון ברעכט אויף, ווי שווערד פון שייד,
און וויקלט איין דעם גוף אין ליכט.
דער אָוונט פאַלט, די זון פארגייט,
דאַן הילט די נאַכט אים איין געדיכט

אין בלויען קלייד ווי אין א פאַן
פון זייד מיט שטערן אויסגעצירט . . .
און ס׳קומען פון מדבריות אָן
די זאַמדן פונם ווינט געפירט . . .

און ס׳לויפט די צייט . . . און אויפן ראַנד
ביים גרויסן ים א בארג שוין בליקט:
דאָ רוט דער מאַן — אָ, אומבאקאַנט! —
וואָס איז געפאַלן . . . און געזיגט.

— — — — — — — — — —

אין האַרץ פון נאַכט, אין האַרץ פון וועלט
עס קומען שיפן אָן צום ברעג —
מיט גרוס צום אומבאקאנטן העלד:
מיט פעלזן-מוט אין פרייהייט-וועג!

יעפים ישורין:

יעקב גאָטליב־ביבליאָגראַפיע

ווערק פון יעקב גאָטליב

„גאָלד און בלוט" — לידער, ליטעראַטן־פאַרלאַג „מיר אַליין", קאָוונע, 1931, 48 זייטן.

„קולות פון דער ווייט" — לירישע פּאָעמע, קאָוונע, 1933, 48 זייטן.

„אַ ווערבע ביים טייך" — לידער, קאַונאַס, 1936, 64 זייטן.

„סאָנעטן", קאַונאַס, 1938, 94 זייטן.

ה. לייוויק, זיין ליד און זיין דראַמע, קאַונאַס, 1939, 96 זייטן.

אַרטיקלען און באַמערקונגען וועגן יעקב גאָטליב

אייסען, דר. א.

יעקב גאָטליב, עטלאָכע באַמערקונגען וועגן י. גאָטליבס „גאָלד און בלוט", „אויפקום", ניו יאָרק, אויגוסט 1932, ז"ז 27־28.

אפּאַטאָשו, י.

פון מיין באַזוך אין 1938 אין קאָוונע. „ליטע", בוך איינס. אַרויסג. פון „קולטור־געזעלשאַפט פון ליטווישע יידן", ניו יאָרק, 1951, שפּאַלט 1329.

י. באָטאָשאַנסקי

וועגן י. גאָטליבס „קולות פון דער ווייט", „די פּרעסע", בוענאָס איירעס, 1933.

באַק, זעליק.

ליטעראַרישער גרוס פון ליטע, ליטעראַרישע בלעטער, נומער 31, וואַרשע, 1929.

באשעווים, י.

ווענן זשורנאל „רינגען", „צוקונפט", ניו יארק, יולי, 1940.

באשעווים, י.

זאמלביכער נומער 4, „צוקונפט", ניו יארק, אויגוסט 1931, ז"ז 491-492.

ביקל, שלמה.

יעקב גאָטליב, די יידישע עסיי, ניו יארק, 1946, ז"ז 130-132.

בן-יצחק, א.

אלמאנאך עברי־אידי, „נתיבות", קאָוונע, 1929.

גאָטליב, נ. י.

מיין ברודער, דער דיכטער יעקב גאָטליב, „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, אָקט. 8, 1945.

גאָטליב, נ. י.

דאָס שעפערישע וואָרט אין ליטע. „ליטע", בוך איינס. אַרויסג. פון „קולטור־געזעלשאַפט פון ליטווישע יידן", ניו יאָרק, 1951, שפּאַלטן 1101, 1102, 1104, 1108.

גאַר, יוסף.

קלאָג־לידער אויפן פאָלקס־חורבן, „אונזער וועג", מינכען, 1946.

גלאָבוס, ד.

„מיר אליין", אוונט, „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 1930.

גרינבלאַט, נתן.

העברעאישע ליטעראַטור־שפּראַצונגען אין ליטע. „ליטע", בוך איינס. ארויסג. פון „קולטור־געזעלשאַפט פון ליטווישע יידן", ניו יאָרק, 1951, שפּאַלט 1116.

היימאַן, אליעזר.

„מיר אליין", „די יידישע שטימע", קאָוונע, 1930.

היימאַן, אליעזר.

דפים רעננים, „נתיבות", קאָוונע, 1930.

זשיטניצקי, דר. ל.

מחשבות צו אנטוויקלונגס-גאַנג פון דער מאָדערנער ייד. ליטעראַטור. א האַלבער יאָרהונדערט יידישע ליטעראַטור, בוענאָס איירעס, 1952, ז. 39.

טשאַרני, דניאל.

וואָס איך האָב געזען און געהערט אויף מיין רייזע דורך ליטע און פוילן, „די פרעסע", בוענאָס איירעס, 14טער יולי, 1929.

טשאַרני, דניאל.

וועגן דיכטערישן אַנוווקס פון רוסלאַנד, ליטע און פוילן, ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, אפּריל 25, 1930, זז 304-307.

טשאַרני, דניאל.

„קולות פון דער ווייט", לירישע פּאָעמע פון יעקב גלאַטליב. ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, יולי, 1933.

ישורין, יעפים.

פּופּציק יאָר „צוקונפט" (1892-1942). ביבליאָגראַפישע סטאַטיסטיק. „צוקונפט", ניו יאָרק, מאַי-יוני, 1942, ז 346.

ישורין, יעפים.

הירש לעקערט ביבליאָגראַפיע. י. ש. הערץ. הירש לעקערט. פאַרלאַג „אונזער צייט", ניו יאָרק, 1952, ז" 120.

ישורין, יעפים.

משה לייב האַלפּערן ביבליאָגראַפיע. משה לייב האַלפּערן, אין ניו יאָרק", פאַרלאַג „מתנות", ניו יאָרק, 1954, ז" 232. סעפּאַראַטער אָפּדרוק, ניו יאָרק, 1954, ז" 232.

לייוויק, ה.

דאָס זאַמלבוך „מיר אַליין", „וואָד", ניו יאָרק, 1930.

מאַזע, איידע.

יעקב גלאַטליב, א ווערבע ביים טייך, לידער, „העפטן", מאָנטרעאַל, נאָוועמבער-דעצעמבער, 1936, ז" 31.

מאַמעלאַק, יעקב.

„וועגן א ליטעראַרישן זשורנאַל", „קענעדער אָדלער", 1936.

מאַנדעלמאַן, משה.

אין פרייד און לייד צווישן ליטווישע יידן, „ליטע", בוך איינס. ארויסגג. פון „קולטור געזעלשאַפט פון ליטווישע יידן", ניו יאָרק, 1951, שפּאַלט 1354.

מאַרק, יודל.

יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין ליטע. זאַמלבוך לכבוד דעם 250טן יובל פון דער יידישער פּרעסע, אמאָפּטייל, ניו יאָרק, 1937, זז" 258-264.

מייזיל, נחמן.

פּרילינג און שחיטה. יידישע קולטור, ניו יאָרק, יולי-אויגוסט 1941, ז" 14.

מייזיל, נחמן.

פּרילינג און שחיטה. דורות און תקופות אין דער יידישער ליטעראַטור. ניו יאָרק, 1942, ז" 80.

נייגרעשל, מענדל.

אין „אַנטאָלאָגיע" פון דער יידישער עסיי. עפּאָכע, העפט 29-30, ניו יאָרק, יולי 1947, ז" 138.

סודאַרסקי, דר. מ.

יעקב גאָטליב, „ליטווישער ייד", ניו יאָרק, 1946.

סיגאַל, י. י.

יעקב גאָטליב, „קענעדער אָדלער", 1931.

קאַץ, בנימין.

וועגן „מיר אַליין", „אין געווירבל", נומער 2, יוני-יולי, טאָראָנטאָ, 1930.

קאַפּלאַן.

גרינע בלעטער, אַפריקאַנער יידישע צייטונג, סעפּט. 1956, יאָהאַנעס-בורג.

קיטאַי, מ.

סאָנעטן פון יעקב גאָטליב, ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, יולי 15, 1938, ז"ז 480-481.

ראבינא, י.
„קענעדער אדלער, 25 מערץ, 1951, מאנטרעאל.

רייזען, אברהם.
ליטעראַרישע רעוויו, יעקב גאָטליב, „סאָנעטן", „די פעדער", ניו יאָרק, 1939, ז" 86.

רייזען אברהם.
זאמלביכער, „די פעדער", ניו יאָרק, 1949, ז" 204.

ש.
דעזאנאנסן, „מאנטרעאל", נומער 3, מאַי, 1933, מאנטרעאל.

סבולת.
„פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 1931.

וועגן יעקב גאָטליב אין לעקסיקאָנען.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור:
צווייטער באַנד. ניו יאָרק, 1958, שפּאַלט 18, יעקב גאָטליב.

וועגן יעקב גאָטליב אין פרעמד שפּראַכן.

LEFTWICH, JOSEPH:
Foreword.
Anthology of Yiddish Poetry,
Cambridge, Mass. 1939, P. XLIII

ROBACK, A. A.:
Recent Yiddish Literature.
Yiddish Scientific Institute,
New York, 1940, P. 341.

אינהאַלט

זייט

מיין ברודער, דער דיכטער און קריטיקער יעקב גלאַטשטיין 7
אייביק — 17
סעפּטעמבער אין ווינט — 18
אַ בריוו — 20
הינטער די פענצטער, שענק מיר — 22
מיט אַלטע טריט — 23
ניט זילבערנער צווייט — 24
שטיל און טויאיק — 26
גילדערנער סעפּטעמבער — 27
באַגינען, ביינאַכט — 28
ביים ים — 29
ווען שטורעם רופט — 32
לבנה־באַלאַדע — 33
ניט בת־קול — 34
כ׳גראָב זיך איין, אַ פונק אין אַש — 35
ביים ראַנד — 36
עלעגיע — 37
פרילינג 1933 — 38
האָר טויט — 39
אין אַזאַ נאַכט — 40
פּסח־נאַכט־באַלאַדע — 44
ר׳ יונה — 46
ווי אין אַן אַלטן פּנקס — 47
ייִד זים — 49
איבער אַלע שטורעמס — 51
וויג־ליד — 53
ווי וואַסער־פייגל — 55
היסטאָריע — 56
וועכטער אויף דעם מויער — 57
אַ טאָג אוועקגעשענקט — 58
אַ קינד ביי אַ שויפענצטער — 59
כ׳בין דער שטיין — 60

	זייט
ברודער	61
ניט קלאַנג פון בייראַנס „יידישע געזאַנגען"	62
פינצטער איז דער געשריי	69
אויף דיין ערד	103
שניילאַנד	106
ווי אַ חלום	110
פון מיין היים	114
גאָלד און בלוט	117
דו פרעגסט מיך	125
סאָנעטן פון געטאָ	126
וואָרט, שליחות	133
ל"ו, דערמאָנונג	134
וואָלקן און צווייט, אַ גאָלדן פישל	135
צו אַ מזרח טענצערין, אייזגאַנג	136
די גראָע מיל, קאַפּע־סאָנעט	137
טאַמאַריסק, מיר	138
שטעטל	139
אין אוונטיקן הויז, נאַכט	140
זון־פאַרגאַנג אין פרילינג	141
דעראינערונג, רויטע מערן	142
ביז הבתרים, געבעט	143
ברען, לבנה	144
צו אַ ברודער־פּאָעט, גורלות	145
תפיסה, ערד פון עשאַפאַטן און אַלטאַרן	146
אויף וואָגשאָל פון דער ערד, עשאַפאַט	147
שליסלבורג, ברידער	148
פאַרטאָג, איינזאַמע אַלטאַרן	149
אין דער פינצטער, חצות	150
קרעדאָ	151
דוד פראַנקפורטער, י. ח. ברענער	152
ספּירידאָנאָוואַ, לייוויק	153
אַ. ליעסין, משה־לייב האַלפּערן	154
יעקב שטערנבערג, לענגסטאָן היוז	155
באָדלער, לי טאַי־פּע	156
וואָז־גאָג, דיין געוויין	157

	זייט
חנינה, שלום שוואַרצבאַרד — — — — — — — — — — —	158
יידנגאַס — — — — — — — — — — — — — — — — —	159
אין ירושלים פון דער ליטע — — — — — — — — — — —	169
צו אַ ייד אויף דער גאַס — — — — — — — — — — — —	174
צום גאָלדענעם טויער — — — — — — — — — — — —	176
דיאַלאָג אין דאָרף — — — — — — — — — — — — — —	183
די באַלאַדע פון אומבאַגאַנטן ייד — — — — — — — —	186
יעפים ישורין: יעקב גלאַטשטיין ביבליאָגראַפיע — — — —	189

דאַנקזאָגונג

אַ האַרציקן יישר-כוח פֿאָלגנדיקע פּריינט, וואָס האָבן געהאָלפֿן ארויסגעבן דאָס בוך:

א. אנשל, מ. אייזיקס, עטל בירברייער, י. בעקער, י. בער־מאַן, מ. בראַוונדער, י. גאַטהעלף, ל. גאַרדאַן, מ. גאַרדאַן, ל. גילמאַן, ב. געמפּל, ה. ב. גפן, חנה האַלפּערן, ה. ערליך, א. וואָלק, י. וויזגאַרדיסקי, ווילנער פאַרבאַנד, ה. זאַלקינד, מ. לאַדסקי, ה. לייאַן, ר. מעלער, א. נירנבערג, ה. סינגער, סעם עדלשטיין, עליאַס־ברידער, י. פּרידמאַן, פּ. צוקערמאַן, ב. קאַהן, ס. ל. קאַפּלאַן, מ. און פרוי קאַרנאַווסקי, יעקב ראַבי־נאַוויטש, ה. ראַג, ה. ראַזנבלאַט, דר. ה. ראַזנפעלד, י. ראַזנפעלד. ל. רובינאַוו, ב. שיינזאַן, ה. שערעז, ט. שערעז.

נ. י. ג.